STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00527

GEZAMLTE LIDER, 1904-1951

David Einhorn

Permanent preservation of this book was made possible by
Mark & Etta Rosen & Children
in honor of
the marriage of David Rosen & Simme Miller

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד איינהאָרן געזאַמלטע לידער

דוד
איינהאָרן
געזאַמלטע
לידער

1904 — 1951

אילוסטרירט פון בנימין איינהאָרן

אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „אַרבעטער-רינג"
ביי דעם בילדונגס-דעפּאַרטמענט פון אַרבעטער-רינג
ניו-יאָרק, נ. י.

POEMS
BY DAVID EINHORN

ILLUSTRATIONS
BY BENJAMIN EINHORN

Copyright 1952 by
DAVID EINHORN

Published by
The Educational Department
of the Workmen's Circle
New York, N. Y.

Printed in U. S. A.

166

I





דער גמרא־ניגון

נאָך קלינגט מיר אין מיין אויער יענער שטילער קול,
געמישט פון בענקשאַפט, האָפענונג און גלויבן —
פרימאָרגנס לויטערע פון גליקלעכן אַמאָל,
ווען ס׳פלעגן ראָז ווערן די קליינע שויבן,
און ס׳צוויטשערן פון די פייגעלעך אין דרויסן,
און ס׳זשומען פון די אויפגעוואַכטע פליגן —
זיי פלעגן אין איין כאָר מיט דעם גמרא־ניגון
זיך אויפגיסן אין אַ געזאַנג צו גאָט.
דאַן איז דער זיידע לעבן טיש געזעסן,
געבויגן ביי דער אָפענער גמרא
און אַלץ און אַלעמען פאַרגעסן,

געוויגט זיך אויף די פליגלען פון געזאַנג
דאָרט ערגעץ־וואו אין אומבאַקאַנטע וויטן
צווישן די פאַרגאַנגענע און קומענדיקע טעג —
דער לאַנגער וועג,
אַן צייט צווישן צייטן.

און איך, אַ קינד, קוים אויפגעוואַכט פון אומבאַוואוסטן,
בין שטיל געלעגן אינעם בעט מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן,
און פון דעם ניגון, ווי פון אַ כישוף־האַנט געצויגן,
בין איך אין שטראָם פון חלום איינגעזונקען.
דער ברייטער רוים פון געגנוואָרט פון פוסטן
איז אויסגעפילט געוואָרן מיט וויזיאָנען,
וואָס האָבן צאַרט און טרויעריק געוואונקען —
אַ צושטאַנד פון דערוואַרטן און דערמאָנען.

ערשט שפּעטער, שפּעטער האָב איך עס באַגריפן
אַז דעם געזאַנג אין בלוט, מיין אַלטעס יידיש בלוט,
וואָס האָט געשטראָמט פון טויזנט־יאָריקע טיפן,
און שטיל געשטרעבט צו די אומענדלעכע הויכן,
אין דער אייביקייט אַריין, די גאַנצקייט צו דערגרייכן,
צו יענעם גייסט, וואָס שוועבט איבער דעם כאָאָס
און פאַרמט וועלטן אויס, און צינדט די זונען אָן,
וואָס האָט מיין זעלבסט געמאַכט,
געקנאָטן מיינע גלידער,
וואָס האָט באַוויליקט מיר צו שענקען
אַ פונק פון אים,
צו דענקען און געדענקען,
צו ציען זיך צו אים, צו זוכן אים און בענקען.

אַ, יענע טעג און נעכט אין שטילן בית־המדרש,
צווישן די פיר ווענט, פון דרויסן אָפּגעשיידט,
וואו די צייט האָט זיך געטיילט אויף תפילות און אויף סדרות
און גאָט האָט יעדן טאָג אַ נייע וועלט געשאַפן;
וואו גלויבן איז געווען די גבורה פון דעם שלאָפן,
וואו טרוים געווען איז וואָר
און וואָר אַ חלום נאָר.

שטייגן האָט געמיינט דאָרט פֿאַלן
און פֿאַלן האָט געהייסן שטייגן;
וואו גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט אין שווייגן
און אַלץ פֿון היינט איז ניט ווערט געווען קיין בליק —
אַ בלום וואָס ווערט פֿאַרדאַרט, אַ שאָטן וואָס פֿאַרפֿלויגן,
וואו זען האָט מען געקענט נאָר מיט פֿאַרמאַכטע אויגן
און אינערלעך געוועזן איז דאָס גליק

דאַן פֿלעגט דאָס אָפּטער טרעפֿן,
ווען איך פֿלעג זיצן אַליין ביי דער גמרא
מיט צוגעמאַכטע אויגן, הערנדיק די שטילקייט,
פֿלעגט פּלוצלונג, ווי אַ שטים מיר זאָגן: עפֿן
און זע די וועלט! עס איז די צייט פֿון זומער.
דו ביסט אַ בלינדער, אַ טויבער און אַ שטומער,
דאָס טייכל דאָ ניט ווייט איז קיל
און לויטער, ווי קרישטאָל,
און שפּיגלט אָפּ אין זיך די זילבער־גרויע ווערבעס.
דו ביסט געגליכן צו אַן אויסגעליידיקט שאָל,
וואָס בענקט צו ווערן פֿול מיט זון און בלוי פֿון הימל.
אָ, זע, דיין יאָמער־טאָל
איז גרין און פֿריש און שמעקט,
און פֿול מיט האָניק איז אַ יעדעס בלימל.
גיי, ווער אַ בין און טרינק פֿון יעדן בלום!
גיי, ווער אַ שמעטערלינג און שוועב איבער די לאָנקעס!
זע, די בושלען שטייען רואיק אינעם נעסט,
די טויבן וואָרקען, דאָס לעבן איז אַ פֿעסט,
מיר זיינען אויף אַ ווייל פֿאַרבעטענע געסט,
די טישן זיינען גרייט, דער וואַלד איז פֿול,
מיט רויטע פּאַזשימקעס און שוואַרצע יאַגדעס,
מיט ווילדע מאַלינעס און צוגעברויגטע שוואָומען.
זע, די פֿעלדער צייטיקן,
דעם זאַפּטיקן ווייץ פֿון זאַנג צעקייט,
די גרינע אַרבעס פֿרישע פֿון דער שויט.
זע די עפּל אין דעם גאָרטן ווערן רויט,
לאָז דורכלויכטן, ווי זיי, דיין בלאַסע הויט

און אַנפּילן דײַן בלוט מיט שטראַלן פֿון דער זון.
גיי, נעם, גענים דערפֿון!

און אויפֿגעהויבן האָב איך מײַנע ברעמען
און אויסגעצויגן מײַנע הענט צו נעמען,
און נישט געוואוסט אַז נעמען הייסט אויך געבן,
און אָפּטער קאָסט איין שעה אַ גאַנצן לעבן.
איצט שווידערט מיך די פֿרייד פֿון יענעם זומער־וואַלד,
די פֿעלדער אַרום אים, די לאַנקעס און דער טײַך,
די קורצע רגעס וואָס איך האָב דאָרט גענומען —
אַ פּוסטע קרעטשמע איז דאָס אַלץ געווען,
אַ חורבה, וואו עס לויערן די רוחות,
אַ צויבער־בילד וואָס ווערט ווי רויך צעשוואומען,
אַ שיכּרות בלויז פֿון בלוט, פֿון האַס און מאַכט,
אַ טויטן־טאַנץ פֿון פֿעלקער און מלוכות.
און ווען איך האָב זיך אויפֿגעוואַכט,
געפֿאַלן פֿון די ביימער איז דער קאַלטער גאָלד פֿון האַרבסט
און צוגעדעקט צעבראָכענע צוויי לוחות.

געשעעניש, צײַטן, גלײַך די פֿיר סעזאָנען,
זיי קומען ווי די שאָטנס און פֿאַרשווינדן.
נאָר וואויל איז דעם וואָס טראָגט אַן אייביקן טרוים,
אַ וועלט אַ ליכטיקע, וואָס אויסער צײַט און רוים —
דאָן טרעפֿט, אַז דער וואָס זעט, מקנא איז דעם בלינדן
אַזוי מקנא בין איך איצט מײַן זיידן,
וואָס האָט געוואוסט דעם סוד פֿון דער הבדלה —
דאָס צײַטלעכע פֿון אייביקן צו שיידן,
די נאַכט פֿון טאָג צו אונטערשיידן —
די ערשטע ברכה פֿון דער ערשטער קללה —
די לאַנגע פֿאַרשאָלטענע וואָך, וואָס ציט זיך טויזנטער יאָר,
צווישן דעם ערשטן שבת אין גן־עדן
און לעצטן אייביקן שבת וואָס דאַרף קומען.

און וואַרטנדיק צווישן די צוויי טעג,
האָט ער געמאָסטן דורך דער וועלט זײַן וועג
און אומעטום געווען, און אין ערגעץ ניט געווען,

און אַלץ געזען און גאָרנישט ניט געזען,
און אַלץ געהערט און גאָרנישט ניט געהערט.
און זייענדיק אַ שטומער,
בלויז שפּרייטנדיק צום הימל זיינע הענט,
האָט ער דעם וועלט־צער אויסשרייען געקענט.
דער זיידע איז שוין טויט,
דער בית מדרש איז פאַרברענט,
געשענדט און ווערט געשענדט
פון אייגענע און פרעמדע הענט.
נאָר אייביק בלייבט זיין חלום
און אייביק בלייבט זיין ניגון,
ער הענגט פאַר מיינע אויגן,
ער זינגט מיר אין מיין בלוט,
און וואו איך זאָל ניט זיין,
אויף וועלכן קאָנטינענט,
וואו דער בלויער הימל רוט,
וואו די אייביקע שטערן פינקלען,
וואו איינזאַמע מענטשן קאָנען
געפינען רואיקע ווינקלען
צו חלומען אומגעשטערט,
צו וואַרטן און דערמאָנען
און אויסזינגען צו גאָט די בענקשאַפט פון דער וועלט —
דאָרט קאָן איך אויפשטעלן מיין איינזאַמען געצעלט.

אָפט טרעפט מיר, ווען איך גיי ביינאַכט אַליין אין פעלד
און מיין נשמה בויגט זיך, זיפצט פון שווערן לאַסט,
גלייך איינער אויף אַ שיף אָן רודער און אָן מאַסט
אין מיטן ים, צונויפגעברויזט פון שטורעם,
און זוכנדיק אַ ברעג, אַ שיין וואו פון אַ טורעם,
דאַן הויב איך אויף די אויגן צום אין סוף,
צום בלאַסן מילך־וועג, וועלכער ציט זיך ווי אַ שלייער
דורך דעם טונקל־בלויען טיפן האָריזאָנט.
דאַן קומט צו מיר פון דאָרט דעם זיידנס שטילער ניגון
און פלוצלונג ווערט די גאַנצע וועלט מיר אַזוי נאָענט,
גלייך ווי דער גאַנצער אוניווערז געוועזן וואָלט מיין היים.
דאַן פיל איך, ווי איך ווער

אין ים פון ליכט צערונען,
דאַן פיל איך אַז איך בין
אַ טייל פון די מיליאָנען זונען,
דאַן הער איך, ווי מיין קערפּער,
געפּאָרעמט פון די זעלביקע אָטאָמען,
נעמט זינגען מיט דעם ניגון
אַ ליבע־געזאַנג זיין נאָמען —
וואָס איז געווען, און איז, און וואָס וועט אייביק זיין.

ניו־יאָרק, 1950

נעילה

זיי קאָן איך יאָ דערמאָנען
אָן צער, אָן כּעס, אָן ווייטיק און אָן שרעק.
איך האָב שוין אין מיין יוגנט געזען, ווי זיי פאַרגייען —
ניט מחנותוויז מיט פאָנען און געשרייען,
גלייך ווי ציגיינער דורך אַ פּוסטן מאַרק,
נייִן, —
זיי זיינען שטיל אַוועק
פאַר זיך, פאַרזונקען אין געדאַנקען,
ווי איינזאַמע, פאַרנאַכט אין אַ שטילן אלול פּאַרק.
איך האָב זיי געזען נאָך לייכטנדיק און צאַנקען,
ווי יאָרצייט־ליכט צו נעילה־צייט אין שול
עס האָבן זייערע פלעמלעך פון געלן זאַמד אין קאַסטן
נאָך אויפגעהויבן זיך און ליכטיק זיך צעברענט.
פון לאַנגן בעטן און פון לאַנגן פאַסטן
האָבן זייערע דאַרע, דורכזיכטיקע הענט

זיך אויסגעצויגן צום האַלב־פֿאַרמאַכטן טויער
און אויסגעזונגען זייער לעצטן אָוונט־טרויער.

די זיידעס, זיי מיט די לאַנגע ווייסע בערד
און הזיכע ערנסטע שטערנס און אַראָפּגעלאָזטע ברעמען,
מיט זייער לאַנגזאַמען טראָט און פֿייערלעכן גיין,
זיי האָבן אין די ווייסע קיטלען קוים באַרירט די ערד,
גלייך ווי זיי וואָלטן אונדזער וועלט שוין ניט געהערט.
דאַן פֿלעגט זיך דוכטן מיר, אָט ווערן זיי פֿאַרשוואונדן
און אויך מיט זיי דריי טויזנט יאָר פֿון זיין.
אַ גאַנצע וועלט האָט זיך געהיילט פֿון זייערע וואונדן,
אַ גאַנצע וועלט האָט זיך געטרייסט מיט זייער פּיין.
און איך האָב דאַן געפֿילט, איך בין מיט זיי פֿאַרבונדן
מיט טויזנט שטריק פֿון בענקשאַפֿט, האָפֿנונג, וויי.
און ווערן זיי פֿון אונדזער וועלט פֿאַרשוואונדן
דאַן וועל איך אויך פֿאַרשווינדן גלייך מיט זיי.

און שטייענדיק אַזוי אין איינזאַמסטן ווינקל פֿון דער שול
און הערנדיק אַזוי דעם כאָר פֿון שטימען
וואָס האָט געשטראָמט צום אָפֿענעם אָרון קודש
וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ פֿענצטער צו דער אומענדלעכקייט
מיט סודות פֿול, מיט שטילקייט פֿול, מיט ליכט און שאָטנס פֿול.
גלייך ווי דער הימל אין אַ קלאָרער ווינטער־נאַכט,
האָב איך דעם וועג דערזען, די אייביקייט באַגריפֿן
און דעם שעפֿער פֿון דער וועלט וואָס היט און וואַכט;
און דערפֿילט האָב איך די רו פֿון גרויסן האָפֿן, —
אַז מעגן בלייבן צען, דער טויער וועט זיין אָפֿן,
און מעגן בלייבן דריי, וועט ער ניט זיין פֿאַרמאַכט.

ניו־יאָרק, 1951.



* * *

מיין ליד איז געפאַנגען אין ריטם פון טרויריקע, שטילע געזאַנגען,
עס סודן די ווערטער, ווי בלעטער וואָס וועלקן און פאַלן פון בוים;
עס ציען זיך פערזן נאָך פערזן, ווי בייטן מיט שפּעטיקע זאַנגען
פון אונטער אַ הימל אַ גראָען וואָס זיפּט מיט אַ רעגעלע קוים.

אַזוי ווי אַ מחנה יתומים וואָס בלאָנדזען אָן טאַטן, אָן מאַמען
אַזוי זוכן אום מיינע לידער אַ נשמה וואָס זאָל זיי פאַרשטיין.
און שטיל אין דער וועלט, מיט דער עלנטער, איינזאַמער שכינה צוזאַמען
באַקלאָגן זיי פאַר זיך דעם חורבן און זוכן אַ טרייסט אין געוויין.

פאַרוואָגלט איך לידער, פאַרוואָגלט! געפינט וואו אַ שול אַ פאַרלאָזטע,
וואו ס'דאַוונען די פייגעלעך שחרית און מעריב — דער נאַכטיקער ווינט.
פאַרוואָגלט איך! טאָמער געפינט זיך נאָך דאָרטן אַן אויג אַ פאַרטרערטע
און ס'מורמלט נאָך, „טאַטע“ און „מאַמע“ אויף יידיש אַ יידישעס קינד.

ווילנע, 1910

מיר וועלן פאַרבלייבן אין שול

מיר וועלן פאַרבלייבן אין שול.
ווען די טריט פון דעם לעצטן אין ווייט וועט פאַרשווינדן
און ס׳וועט דעם נר־תמיד פאַרלעשן דער ווינט,
דאַן וועלן מיר ווידער זיין ליכטל אָנצינדן.
מיין קינד!
עס טאָר זיך נישט לעשן,
מען טאָר נישט פאַרגעסן,
צו שטעלן אַ יאָרצייט דער שכינה פון פאָלק.
מיר וועלן פאַרבלייבן אין שול.

און שחרית, און מנחה, און מעריב פאַר אַלע
דאַן וועלן מיר דאַוונען און בעטן אַליין.
און ווען עס וועט קומען פון שבת די כלה,
דאַן זאָלסטו פאַרמיידן געוויין.
מיין קינד!

מען טאָר נישט באַטריבן,
זי איז אונדז געבליבן
דער איינציקער פריינד פון אַמאָל.
מיר וועלן פאַרבלייבן אין שול.

די שול דאַרף קיין עולם פון טויזנטער מענטשן —
פון אייביק אָן היטן יחידים איר פּראַכט.
זי וועט, ווי אַ מאַמע, אונדז טוליען און בענטשן,
ביז וואַנען ס׳וועט קומען די אייביקע נאַכט.
מיין קינד!
נאָך אונדז וועלן זינגען די פייגעלעך שירה;
דער נאַכטווינט, ער וועט אונדז באַוויינען אין חצות;
פאַרנאַכט, אין דעם שיין פון די פורפורנע שטראַלן
וועט סודן שטיל נעילה אַ טרויקענער גראָז.
מיר וועלן פאַרבלייבן אין שול.

ווילנע, 1910



געשטאָרבן דער לעצטער בעל־תפילה

גענשטאָרבן דער לעצטער בעל־תפילה.
פאַרשלאָסן שטייט איינזאַם די שול,
די פענצטער פאַרשלאָגן, און שאָטנס
פאַרשעמטע, זיי מאַכן זיי פול.

עס ליגט, ווי אַן אייביקער טרויער
אַריבער די נאַקעטע ווענט
און אונטער דער קרוין פון כהונה
פאַרבראָכענע רוען צוויי הענט.

געשטאָרבן דער לעצטער בעל־תפילה,
ניטאָ ווער צום עמוד זאָל גיין.
עס לעשט זיך און צאַנקט דער נר־תמיד
ביי זיך אין זיין ווינקל אַליין.

און שטיל אויף די טרעפּלעך פון אָרון
די שכינה אַן עלנטע שטייט;
איר קאָפּ איז געבויגן אין טרויער
און שוואַרץ, ווי די נאַכט, איז איר קלייד.

און ס'דוכט, אירע ליפּן זיי מורמלען
אַ שטילעס, אַ לעצטעס געבעט,
און ס'הערט זיך אַ שטים פון פּרכת:
צו שפּעט, מיין געטרייע, צו שפּעט!..

וואו זאָל איך בעטן

וואו זאָל איך בעטן,
ביי וועמען, ביי וועמען ?
ווער וועט מיין איינזאַמע תפילה פאַרנעמען ?
דער איינציקער בלייבט מיר דער אַלטער פּרכת,
דער אַלטער פאַרשטויבטער ;
ביי אים אין די פאַלבן
פאַרבאַרגן מיין פּנים וועל איך און אָן כוחות
איינדרעמלען.
און זאָל אין מיין חלום דער זיידע מיך זאַלבן
פון כּוס, וואו עס רוען די אייביקע טרערן ;
דערביי זאָל ביי יעטווידער שטענדער אַ שאָטן
פון קידוש־השם ביי אַ ליכט שטיין געבויגן.
אַ ציטער פון פלעמלעך
און אויגן פול גלויבן
צו מיר, צו דעם עלנדן, זאָלן זיך הייבן ;
און שטיל מיר פאַרטרויען די הייליקע סודות
און זיין פון מיין תפילה די איינציקע עדות.
ווער ווייס ?
אפשר וועט זי שוין זיין גאָר די לעצטע
און קלאַפּן די לעצטע אין הימלישן טויער
וואָס וועט זיך נאָך איר שוין אויף אייביק פאַרמאַכן
אַזוי ווי די טיר פונעם אַלטן בית־מדרש,
אַזוי ווי דער סידור וואָס ליגט אויפן עמוד,
אַזוי ווי דער ארון, וואו ס׳רוען די ספרים,
אַזוי ווי אין האַרצן ביי מיר איז דער טרויער.

ווילנע, 1910

א תפילה

אַ, גרויסער גאָט!
איך בעט דאָך אַזוי ווינציק,
ווי קליין עס איז און נישטיק מיין באַגער:
אַ קבר גיב מיר נאָר,
וואו איך זאָל רואיק ליגן
און פאַלן זאָל אויף אים
מיין אייגן קינדס אַ טרער.
און וויסן זאָל איך, ווען איך וועל מיין אויג פאַרמאַכן,
אַז אונטער יענעם בוים וואָס וועט מיין רו באַשיצן,
וועט אין אַ זומערטאָג אַן אוראייניקל זיצן
און לעזן שטיל פון מיין מצבה־שטיין
דעם נוסח דאָרט, געקריצט אין שפּראַך פון מיינע אבות
און לעזנדיק, די ווערטער כאָטש פאַרשטיין.
ניין!
איך דאַרף נישט דיינע הימלען...
אויב זיין אַ שאָטן איז מיר דאָ באַשערט,
נעם צו ביי מיר די אייביקייט פון אויבן
און שענק מיר דאָ
אַ ווינקל אויף דער ערד.
דאָס איז די ערגסטע שטראָף,
צו שטאַרבן אויף די וועגן,
נישט וויסן, וועלכער פוס
וועט טרעטן אויפן אָרט,
וואו ליגן וועט מיין קאָפּ
און שוועבן מיינע טרוימען,
וואו אַפּקלינגען אין לופט
וועט שטיל מיין לעצטעס וואָרט.

ווילנע, 1910

ירושלים של מעלה

שטייען ווידער דיביימער
מיט בליטן באַשאָטן,
זיצן ווידער די טרוימער
אין זײדענעם שאָטן.

און אונטן קומען,
און שטיל ווערט גערעדט,
און ס׳פאַלט אויף די בלומען
דער טוי וויאָלעט.

דאַן נעמט טראָגען אין הימל
מיין שטאָט פון סאַפּירן,

די ווענט פון אַלבאַסטער,
פון עבן די טירן;

פון זילבער די שוועלן,
פון גינגאָלד די דעכער
און ס׳וויגן די פּאַלמען,
ווי ריזיקע פעכער.

און אָוונט פאַלט צו,
ווי אַ טונקעלער פליגל,
און ס׳רייסט אָפּ דער וועכטער
פון טויער דעם זיגל.

אין שטאָט נעמען פלוצלונג
זיך צינדן לאַמטערן,
אָראַנזשע, און גרינע,
און פּורפּורנע שטערן.

די פענצטער פול ליכטער,
די טויערן אָפן,
עס ברענען געזיכטער
אין הייליקן האָפן.

און זקנים דערשיינען
מיט פאַקלען און בלומען, —
די שעה איז געקומען,
אויך ער וועט איצט קומען...

דאַן נעמט אין מיר וויינען
מיין איינזאַמסטער טרויער:
און כ׳זע אויף אַן אייזל
אים רייטן צום טויער.

אַט הייבט ער זיין אָרעם...
אַט בענטשט ער... אַט ווינטשט ער...

אַט פלאַקערט מיין שטאָט
ון פאַרזינקט אין דער פינצטער . . .

שטייען ווידער די ביימער
זיט בליטן באַשאָטן,
יצן ווידער די טרוימער
ן זיידענע שאָטן.

ון אָוונטן קומען,
און שטיל ווערט געשעדט,
און ס'פאַלט אויף די בלומען
ער טוי־וויאָלעט . . .
פאַריז, 1928

משיח

עס קלינגען די קייטן ביים טויער פון רוים —
דאָרט זיצט ער מיט אָפענע וואונדן.
זיי וויטיקן, קינד מיינס, מיט אונדזערע לייד
און ווערן נישט קיינמאָל פאַרבונדן.

און טויזנטער יאָרן פאַרגייען אַזוי
אין שטילע יסורים ביים טויער,
און טיף אין אים קלייבט זיך דער אייביקער ווי
און ס׳וואַקסט אַלץ דער אייביקער טרויער.

נאָר תשעה־באב, ווען עס קומט האַלבע נאַכט,
און פול ווערט מיט רחמים דער הימל,
דאַן פאַלן צוויי שטערן אַראָפּ און ער ווערט
פאַרוויגט אין אַ הייליקן דרימל.

דאַן נידערט די שכינה אַראָפּ אויף זיין קאָפּ
און קושט אים מיט ליבע אין שטערן
און טרייסט אים, און ווייזט אים די גאולה אין טרוים,
און וויינט מיט באַהאַלטענע טרערן.

ווילנע, 1912

וידוי

כ׳האָב מיין פייל געשאָסן
ווייטער פונעם ציל,
כ׳האָב מיין גרויסן אמת
פאַרוואַנדלט אין אַ שפּיל.

איך בין צו דיר געגאַנגען
און האָב אין מיטן וועג

פאַרשיכורט אין אַ פוסטער
קרעטשמע מיינע טעג.

עס האָבן מיר די לצים
אַ שמחה דאָרט געמאַכט ;
איך האָב מיט זיי געהוליעט
ביז אין דער האַלבער נאַכט.

זיי האָבן מיר געפלאָכטן
אַ גאָלדן קרוין פון רום
און איך האָב זיי געשאָכטן
מיין איינציק שעפל שטום.

און אַז עס האָט געשלאָגן
די ערשטע שעה פון טאָג,
האָט פלוצלינג זיך די שמחה
פאַרענדערט אין אַ קלאָג.

פאַרשוואונדן איז די קרעטשמע, —
אין מיטן וועג אַליין,
באַקרוינט מיט שוואַרצע דערנער,
בין איך געבליבן שטיין.

פאַריז, 1925

כ׳האָב געהאַט א גאָט

כ׳האָב געהאַט אַ גאָט און האָב אים פאַרלאָרן.
איצט הער איך אים גיין דורכן גאָלדענעם קאָרן.
עס קושט יעדע זאַנג זיינע ליכטיקע טריט,
נאָר איך זע אים ניט.

אָפט שימערט מיר אויף נאָך אַ זומערדיק רעגן
פון שטראַלנדן קלייד זיינס די גאָלדענע ברעגן.
אַ יעטווידער גראָז, ווי אַ פלעמעלע ברענט,
מיר לעשט זיך עס אונטער די הענט.

ביינאַכט, ווען די שטילקייט מאַכט אויפעט איר טויער
און ס׳ציט זיך אַ ווייטער געזאַנג פאַר מיין אויער,
דאַן גליען אין הימל מיר אויף זיינע צייכן
און ס׳דוכט מיר, איך קאָן אים דערגרייכן.

פאַריז, 1925

אויס דעם טיפן ברונעם

אויס דעם טיפן ברונעם פון מיין איינזאַמקייט
שפּרייט איך די הענט
צו דיינע ווייטע שטערן.
ווי בלינדע פויגל אָן די ווענט
שלאָגן זיך די תפילות מיינע,
פאַרבענקט נאָך דיינע קלאָרע הויכן
און קאָנען ניט דערגרייכן.
אָ, נויג אַראָפּ צו מיר
דיין בלויען הימל
און וויג מיך איין מיט זיין געזאַנג,
פאַרוויקל אין חלומות מיין געדאַנק,
ווי ס'הילט דער אָוונט־בלוי
אָן אַלטן טורעם איין
און ווי דער מאָרגן־טוי
אַ שווערן פעלדז.
מאַך לייכט זיין לאַסט
וואָס דריקט מיך צו דער ערד,
באַפליגל אים
מיט יענעם גרויסן גלויבן
וואָס קען דעם שווערסטן באַרג
לייכט, ווי אַ פעדער, הויבן.

פאַריז, 1927

צוריק צו דיינע וועגן

איך קער זיך אום צוריק צו דיינע וועגן
און וועל ביי קיינעם מער דעם סוף נישט פרעגן,
גלייך ווי אַ קינד וואָס לאָזט זיך גלויביק גיין
אין זיכערהייט, אַז ער איז ניט אַליין.
דו ביסט מיט מיר,
איך ווייס.
עס איז דיין רו
וואָס דעקט מיך צו מיט גרינע בלעטער;
עס איז דיין זון וואָס לייכט מיר אומעטום;
עס איז דיין ליכט וואָס גליט אין מענטשס בליק,
און יענע אומבאַוואוסטע שעה פון גליק
וואָס זינגט אין בלוט, נישט ווייסנדיק, פאַרוואָס.
און ווערט זי שטיל,
און לעשט זיך אויס דיין ליכט, —
איך שליס מיין אויג אָן זאָרגן:
עס שטאַרבן דאָך די טרוימען יעדן מאָרגן
און גייען מיט די שטערן אויף צוריק.

פאַריז, 1928

ס׳איז דאָ א שעה

ס׳איז דאָ אַ שעה
ווען דו בלייבסט מיט גאָט אַליין
און פילסט דיך, ווי אַ קינד,
וואָס קאָן צום פאָטער ריידן,
דערציילן אים דיין פּיין,
פאַרטרויען דיינע לײדן
און מיט אַ שטיל געוויין
אים אויסגיסן דיין האַרץ.
און גאַרניט ביי אים בעטן,
און גאַרניט ביי אים מאָנען,
נאָר עפּעס פרעגן אים,
און עפּעס אים דערמאָנען.
און מעג ער הילפלאָז זיין,
פאַרטרויערט איצט, ווי דו,
דאָך פול מיט פאָטער־טרייסט,
מיט רחמים און מיט רו.
און אין אַ שעה אַזאַ,
פאַרלאָזן אויף די וועגן,
האָב איך אים זיך פאַרטרויט
און שטיל גענומען פרעגן:

— אַ, פּאַטער טייערער,
ווער ווייסט דאָס מער, ווי דו,
ווי שווער עס איז אַ וואַנדערער צו זיין,
אַ פרעמדער אָן אַ היים
און עלנט, ווי אַ שטיין,
און שלעפּנדיק דיין שווערע לאַסט
אין יעדעס לאַנד צו זיין
אַ ניט־געבעטענער גאַסט.

אַ, פּאַטער טייערער,
ווער ווייסט, ווי דו נאָך בעסער,
ווי שווער עס איז
פאַר פרעמדע שוועלן שטיין
און מיט אַ האַרץ פאַרקלעמט,
און מיט אַ בליק פאַרשעמט,
אַנשטאַט אַ גוטן וואָרט,
באַגעגענען אַ מעסער.

אַ, פּאַטער טייערער,
צי ווייסטו דאָס געמיט
פון איינעם, וועלכער האָט
זיין שיף אין ים פאַרלוירן
און אויף אַ פּליט,
אָן זעגל און אָן מאַסט,
דערגרייכט אַ פרעמדן ברעג,
ווי אַ ניט־געוואונשענער גאַסט?

אַ, גאָט,
דו האָסט אַמאָל געהאַט
מדבריות שטילע,
וואו ס׳פלעגן די נביאים
אוועקגיין פון דער וועלט
און אויפן געלן זאַמד
צעשפּרייטן זייער געלט,
פון קיינעם ניט געשטערט
דיין פּאַטער־שטים געהערט,

און דיינע היטערס האָבן
דאָס וואַסער זיי געבראַכט
און דיינע שוואַרצע ראָבן
דאָס טרוקענע ברויט ביינאַכט.

— אָ, ליבעס קינד,
דו ביסט צו שפּעט געקומען,
עס האָט די בייזע וועלט
דעם מדבר אויך פאַרנומען.

— אָ, פאָטער טייערער,
דו האָסט אַמאָל געהאַט
שטילע אינדזלען, ווייט
פאַרלוירן אין די ימען,
וואו ס'האָט אַ מענטש געקאָנט
אין נויט צו דיר אַנטרינען,
פאַרלאָזנדיק די וועלט
אַ ווינקל דאָרט געפינען
און לעבן פונעם פרוכט,
וואָס פאַלט אַראָפּ פון בוים,
און זיצן נאָענט צו דיר,
פאַרזונקען אין דיין טרוים.
— אָ, ליבעס קינד,
דו ביסט צו שפּעט געקומען,
עס האָט די בייזע וועלט
די אינדזלען אויך פאַרנומען.

— טאָ זאָל כאָטש זיין
צווישן פעלדזן קאַלטע
אַ טונקעלע הייל,
וואו איך זאָל קאָנען שטיל
ביים פלאַם פון טרוקענע צווייגן
זיך וואַרעמען ביינאַכט
און נאָכדעם פאַרן איינגאַנג
זיצן שטום און שווייגן,
און פאַר די גרויסע שטערן

איינזאַם, פרום און טריי
דיין גרויסע שטילקייט הערן,
ווען זי גייט פאַרביי.

— אַ, ליבעס קינד,
דו ביסט צו שפּעט געקומען,
די שטומע היילן האָט
די בייזע וועלט פאַרנומען.

אַנטשוויגן זיינען מיר
געבליבן פאַרן וועג.
דער הימל האָט זיך ברייט
צעעפנט אָן אַ ברעג.
איך האָב פאַרווּינט
אַראָפּגעלאָזט די אויגן
און איבער מיר האָט גאָט
זיך פאָטערלעך געבויגן,
באַרירט מיין שטערן לייכט,
גענומען פאַרן האַנט
און האָט מיר מיט אַ שטראַל
געצייגט דעם וייטן ראַנד:

— אַ מייל און נאָך אַ מייל,
אַ ווייל און נאָך אַ ווייל.
עס האָט די בייזע וועלט
שוין איבערפילט דעם כוס.
די צאָל איז אויסגעציילט,
געמאָסטן איז די מאָס.
באַלד וועט מיין שטילקייט
צודעקן די ערד,
און וואו דער האָס, די מאַכט
און די רציחה ווערט
איצט אויסגעברענט,
ווי ווילדער גראָז אין סטעפּ,
וועט זיך אַראָפּלאָזן
אויף בלויע הימל־טרעפּ
די רואיקייט און איינזאַמקייט אין מיר.

און יעדער וועט אין זיך פֿאַרקלערט
מיט אַ געמאָסטן טראָט
פֿאַרלאָזן אָט די זינדיקע
און אויסגעברענטע שטאָט
און זיך פֿאַרקירעווען
צום פֿרידלעכן וועג פֿון רו.
ווען אַלע וועלן זיך
דערפֿילן גלייך, ווי דו,
ווי איינגעבעטענע געסט
אויף מיין פּלאַנעט,
דאַן וועט זיך אויך פֿאַר דיר
געפֿינען דאָרט אַ נעסט, —
אַ טיש, אַ שטול, אַ לאָמפּ,
אַן אויסגעבעטע בעט,
אַ פֿענצטער אָפֿן פֿריי
אין שכנות בלויז צו מיר,
וואו ס׳וועט מיין הימל בלאָ
אַריינלייכטן צו דיר.

ניו־יאָרק, 1941.

מיין לאַנדשאַפט

פאַרבן שפּיל
אויף אומבאַשטימטן פּאַן, —
אַ לאַנדשאַפט גלייך
צונויפגעשטעלט פון פלעקן.
און טאָן גייט אויף אין טאָן, —
דער זילבער גלאַנץ פון טייך
צעגייט אין וויאָלעט
פון אומבאַקאַנטע שטרעקן.

נישטאָ קיין שטריך,
קיין אָפּגעגרענעצטער פלאַך, —
אַלץ איז פאַרמישט
אין שווינדלדיקע גאַמען.
מיין ווייטע היים
אין העלן גרינעם סכך
ווערט אָפּגעווישט
פון רויטע אָוונט־פלאַמען.

דאָרט איז דאָס ראָז
וואָס איך האָב קוים געקושט, —
זיין בליטן טוי
נאָך ליגט אויף מיינע ליפּן.
שוין רינט אויף אים דאָס געלב

פון טויטן גראָז
און ס׳זיפּט דער האַרבסט מיט גרוי
פון אַלע זיינע זיפּן.

אָ, גאָט,
ווען ניט דאָס בלוי —
דיין ריינעם שטיקל בלוי —
וואָס שימערט, ווי אַ פענצטער פון די פלעקן,
וואָלט איך שוין לאַנג,
שוין לאַנג געפּרואווט דאָס בילד
מיט טיפן שוואַרץ
אויף אַלע מאָל פאַרדעקן.

פּאַריז, 1930

דאָס לעצטע געבעט

ס'איז די נאַכט, וואָס פאַרוויגט.
ס'איז דער טרוים, וואָס באַגליקט.
ס'איז דער שלאָף, וועלכער טרייסט.
ס'איז דער טויט, וואָס דערלייזט.

אָ, מיין גאָט, גיב מיר רו!
גיב מיר רו וואו־ניט־וואו!
ניין, איך בעט ניט קיין סך,
בלויז אַ שטרויענעם דאַך,
בלויז אַ שטרויענעם דאַך
אויפן קאָפּ איבער מיר
און ווענט אַרום פיר,
און אַ זיכערע טיר,
און אַ פענצטער אַ קליינס
בלויז געווענדעט צו דיר,
און אַ טיש, און אַ בעט,
און אַ שטול, און אַ קרוג,
און אַ ליכט אויף ביינאַכט,
ווען די איינזאַמקייט וואַכט.
איך בין גרייט אַט אַזוי
צו פאַרבלייבן אַליין
מיט מיין צער, מיט מיין וויי,
מיט מיין שטילן געוויין,

מיט מיין תפילה צו דיר,
מיט דיין חלום אין מיר,
מיט דיין הימל אין ווייט,
מיט מיין שאָטן ביים זייט,
מיטן טויט אין געדאַנק,
ווי אַ גוטער גַעשאַנק,
ווען ס'וועט קומען די שעה
פונעם לעצטן פאַרנויג
צו פאַרשליסן מיין טיר,
צו פאַרמאַכן מיין אויג,
וועל איך בעטן ביי דיר
פאַר מיין אייביקער רו,
אַז קיין מענטש זאָל ניט גיין
פאַר מיין פענצטער פאַרביי,
אַז אַ דעמב אַ געדיכטער
זאָל באַהאַלטן געטריי
אָט דעם שטרויענעם דאַך
און די שטומע פיר ווענט,
פון קיינעם געזען
און פון קיינעם דערקענט.

ס'איז די נאַכט, וואָס פאַרוויגט.
ס'איז דער טרוים, וואָס באַגליקט.
ס'איז דער שלאָף, וועלכער טרייסט.
ס'איז דער טויט, וואָס דערלייזט.

ניו־יאָרק, 1941.

כנסת ישראל

(פון מדרש שיר השירים)

איך בין די ליליע פון שרון.
איך בין זי —
די געליבטע בין איך.
איך בין זי,
וואָס איז געשטאַנען פאַרלאָרן
אין פינצטערע שאָטן
פון גלות מצרים,
געגנויגט און צעטראָטן,
פאַרטריקנט, פאַרווישט.
דאַן האָט מיך דיין טוי
אויף אַ רגע באַרירט
און ווידער האָב איך זיך
דערהויבן, דערפרישט.

איך בין די ליליע פון שרון!
איך בין זי —
די געליבטע בין איך.
איך בין זי,
וואָס איז, ווי אַ דאָרן,
געשטאַנען פאַרטריקנט
אין זאַמדיקן מדבר,
גרייט צו פאַרוועלקן,
צו ווערן פאַרווישט.
דאַן האָט מיך דיין טוי
אויף אַ רגע באַרירט,
און ווידער האָב איך זיך
דערהויבן, דערפרישט.

איך בין די ליליע פון שרון!
איך בין זי —
די געליבטע בין איך.
איך בין זי,
וואָס טריקנט אַזוי שוין
זייט טויזנטער יאָרן
אין פינצטערן שאָטן
פון בייזע מלזכות,
פאַרשעמט און צעטראָטן,
געבויגן פון זאָרגן.
אָבער בשעת עס וועט
קומען דער מאָרגן —
דער גרויסער, דער ליכטיקער,
אייביקער מאָרגן,
דאַן וועט מיך דערפרישן
דיין הייליקער טוי,
און איך וועל זיך ווידער
דערהייבן אין בלוי.

ניו־יאָרק, 1942.

אין שטורעם

שטורעם דורך מיר,
אַרום מיר
און אין מיר.
ווען דער פלאַם פון דיין טראַט
ברעכט דעם וואָלקן אויף שטיק
און אויף שטאָל־גראָע פערד
יאָגט דער ווינט אויף דער ערד,
און עס שמייסן אין לופט
זיינע אייזיקע שטריק, —
שטייגט די קנאה אין מיר
צו דעם שטויב פונעם גאַס,
וועלכער ווירבלט אַרויף
צו דיין הייליקן רעש,
ווי אַ ברעג פון דיין קלייד
האַלב פאַרזונקען אין פלאַם,
ווי אַ פליגל פון שוים
אויפן קאָכיקן ים.
אָ, מיין גאָט,
דו, מיין גאָט,
איך וויל יאָגן דיין טראָט,
ווי דער זאַמד,
ווי דער שטויב
אינעם שטויס פון דעם ווינט

פון דיין דונערן טויב,
פון דיין ליכטיקייט בלינד.

שטורעם דורך מיר,
אַרום מיר
און אין מיר.
אינעם האָסט,
אין דעם פּלי,
אין גאַלאָפּ,
אין געקליר.
דורכן בלוי,
דורכן ווייס,
דורכן פלאַם,
דורכן אייז.
ווי אַ טראָפּן
אין שטראָם,
וועלכער שטייגט
און פאַרזינקט,
ווי אַ ליים
פאַר דיין האַנט:
דיין באַפעל —
מיין אינסטינקט.

דאָס ביסטו, וועלכער דריקט
מיינע פיס צום פּעדאַל,
וועלכער קראַמפּט מיינע הענט
צו דער ראָד פון מאַשין
וואָס באַרויבט מיר מיין זין
און פאַרשיכורט מיין גייסט
מיט דער ברויזנדער לופט,
וועלכער שטורעמט און רייסט
שנעלער, שנעל, אָן אַ וועג
מיט דיין בליץ אויף געיעג,
אויף רגעס צו קירצן
די נעכט מיט די טעג.

אַט דיין ווינקען אין נאַכט
פון די וואָלקנס אַראָפּ;
אַט דיין שטים, וועלכע דונערט
ביי מיר אויפן קאָפּ;
אַט דיין גוס, וועלכער פליִיצט
און דער שטורעם וואָס פייפט;
אַט דער ווילדער געשריי,
וועלכער רייסט זיך פון מיר;
אַט די פרייד ביי אַ שטורעם
אין אויפשטאַנד, אין קאַמף;
אַט דער קעסל, געפּילט
ביז צום פּלאַצן מיט דאַמף;
אַט דאָס קראַכן וואָס ווירקט שוין,
ווי שטילקייט אויף אונדז;
אַט די שנעלקייט וואָס דוכט זיך,
אַזוי ווי די רו, —
אויסער צייט,
אויסער רוים.
דאָס ביסטו,
דאָס בין איך
אין מיין אויפגיין אין דיר.
שטורעם דורך מיר,
אַרום מיר
און אין מיר.

פּאַריז, 1929.

מוזיק

שפּיל מיר ניט אויף דיין פלייט:
טענער דין,
זאַפטיק גרין,
לאַנקעס ווייט,
הימל ברייט —
שפּיל מיר ניט אויף דיין פלייט

בלאָז מיר ניט דיין טראָמפּייט:
פערד געיעג,
שטויב פון וועג,
וואָפן קלאַנג,
שאַל פון טויט —
בלאָז מיר ניט דיין טראָמפּייט.

ציטער ניט, האַרפּע דו, —
צאַרטער טאַנץ,
בלומען קראַנץ,
ווייכער בליק
פול מיט רו —
ציטער ניט, האַרפּע דו.

פידל דו, ניט פאַרגיי:
שטילער פּיין,
שטערן שיין,
טרויעריק ליד,
זיסער ווי —
פידל דו, ניט פאַרגיי.

כוואַליע אויף, אָרגל שאַל, —
שטורעם ווינט דורכן ים!
אויפן תהום גאָטס כאַראַל.
כוואַליע אויף, אָרגל שאַל!

פּאַריז, 1930.

הימן

נאָר אין דיר בין איך פעסט,
נאָר אין דיר בין איך גאַנץ;
אין דיין וועלט־קאַראַהאָד
וויגט זיך אויכעט מיין טאַנץ.
מאַכסט אַ ראָד אַרום מיר,
מאַכסט אַ ליכטיקע ראָד,
ווי אין וואַסער אַ קרייז,
וועלכער שפּרייט זיך אָן סוף.
און איך ווייס וואָס איך טראַכט,
טראַכט די גאַנצענע וועלט,
ווייל עס איז דיין געדאַנק
נאָך פון אָנפאַנג געשטעלט,
און מיין אייביקער צער,
איז דער צער פון דער וועלט,
און די פרייד אין מיין בלוט
איז דיין שיין וואָס באַהעלט.
און איך ווייס, אַז מיין וועג
איז געצייכנט פון דיר
און איך גיי נישט אַליין,
נאָר מיליאָנען מיט מיר.
און דער ציל איז באַשטימט,
און דער ציל איז באַקאַנט,
און דער פינגער וואָס ציינט
שטראַלט אַרויס פון דיין האַנט.
מעג דער זומפּ זיין ווי טיף
און דער מדבר ווי ווייט,
מעג עס דויערן לאַנג
איבער דורות און צייט, —
יעדע פאָן, וועלכע פירט
אין דער צוקונפט צו דיר
איז דיין אָטעם אין איר,
איז באַשטראַלט פון דיין שיין.

פּאַריז, 1930.

בטחון

אַ שטילע נאַכט,
אַ שטערן פאַלט
פון הימל טיף
און ווערט נישט באַלד . . .
איך הייב מיין אויג
און נייג מיין קאָפּ,
מיין היטער וואַכט
און היט מיך אָפּ.
מיין היטער וואַכט,
מיין היטער וואַכט
און שיקט זיין גרוס
מיר דורך דער נאַכט.

דער וועג איז וויַיט
און איך בין מיד,
די שטילע נאַכט,
זי זינגט איר ליד:
פאַרטרוי דיין קאָפּ
מיין שטילן שויס
און שלאָף, און שלאָף,
אויף מאָרגן האָף —
דיין וועג צום סוף
איז וויַיט און גרויס . . .

וואָלקאָוויסק, 1909.

הענט

ברוין און האַרט,
ווי וואָרצלען פון אַ דעמב
און פינעף פינגער, —
קלאַמערן פון שטאָל, —
די מוסקולן, ווי שטריק, געשפּאַנט.
הענט!
הענט אַן צאָל,
הענט פון לאַנד צו לאַנד,
הענט עקשנות פול און ווילן,
אַ, שטרענגע הענט,
אַ, אויסגעפּרואווטע הענט!
אייך זען און פילן,
די קראַפט פון יעדן זשעסט,

ווי לייכט איר האַלט די שטאָלענע לייצעס
און צוימט די סטיכיע, ווי אַ פערד,
ווי פעסט איר ציט זיך פון די פלייצעס.
הענט וואָס הייסן און עס ווערט!
אין יעדן ריר איז אויסגעהאַקט באַפעל
און יעדעס גליד איז לעבעדיקער שטיין.
ביים פלאַמען שיין
פון די פאַרקאַשערט אַרבל
שטייגט, ווי פון כוואַליעס
יעדע ליניע ריין.

עס איז מוזיק
די פינגער פון מאָנטיאָר
וואָס האַלטן שטיל
דאָס הענטל פונעם קראַפט־שטראָם.
אַ לייכטער גלידער־שפּיל, —
דאָן שטייגן פונעם תהום
צוועלף טויזנט פערד.
געהיימניספולע כוחות,
אומזיכטבאַר, אומבאַקאַנט, —
און פּלוצלונג נעמט זיך דרייען דער מאָטאָר,
עס שפּאַנען זיך די פעסטע לעדער־פּאַסן
און טויזנט שווערע רעדער נעמען גיין.
די שטאָט ווערט פול מיט ליכט,
עס יאָגן זיך טראַמוויען דורך די גאַסן,
לאַסטקראַנען הויבן זיך
און לאָזן זיך אַראָפּ;
דורך די וועלט צעגייט אַ ראַדיאָ־ציטער,
אויף דראָטן יאָגט עלעקטרישער געוויטער
און טרייבט דאָס גאַנצע לעבן אין גאַלאָפּ.

איר קוילן־גרעבער הענט,
באַדעקט מיט הערגאָליפן,
ווי שוואַרצע מירמלשטיין
צעקראַצט, צעביסן
פון שפּיציק שוואַרצע ציין.

ביים שוואַכן שיין
דאָרט שלאָגט איר אין די טיפן;
איר עפנט היילן,
שניידט אין אָפּגרונט גאַסן,
וואַרפט בערג אַרויס,
מיליאָנען טאָנען שווער,
דאַן פילן זיך די קעסלען
מיטן שוואַרצן פלאַם,
עס שניידן שיפן ריזיקע דעם ים;
עס קאָכט דער גוס
און שוואַרצע וואָלקנס רויך
פאַרפינצטערן דעם הימל אין דער הויך.
הענט,
וואָס ענדיקן מיט פלייס
גאָטס ניט פאַרענדיקט ווערק,
פאַרריכטן יעדן גרייז,
פאַרגיכטן יעדן פעלער.
הענט אין לופט,
אין וואַסער,
אונטער דר'ערד!
הענט וואָס איז
פון אורשיקזאַל באַשערט,
צו טראָגן און צו מייסטערן די וועלט.
איר הענט
פון שווערע אַרבעט האַרט,
באַדעקט מיט פאַנצערס פון מאָזאָליעס,
ווי קאָנט איר זיך צעשפּרייטן צאַרט,
צו שיצן די פאַרטרויטע,
ווי פאַרפאַר טראָגט איר אומעט אייער קינד.
ווי ציטערט איר ביים מאָלצייט טיש,
פאַרטיילנדיק
דעם שווער פאַרדינטן ברויט.
ווי קאָנט איר ברידערלעך
און וואַרעם דריקן
אַ ברודערס האַנט
אין טאָג פון נויט.

אין רגע פון געפאַר,
אין חושך פון דער שאַכט,
אין בונט פון עלעמענט,
אין שטורעם אויפן ים,
ווען ס׳שטירצן בערג,
ווען קעסלען פּלאַצן
און אַלץ אַרום ברענט.
הענט,
ווי קאָנט איר שטאָלץ זיין,
ווען צאָרן הייבט אייך אויף,
ווען ס׳רופט די שטימע
פון גערעכטיקייט נאָך הילף!
ווי קאָנט איר איניק זיין, —
אַ וואַלד פון הענט,
באַהאַפטן פון איין ווילן,
איין ריזיק האַנט, —
גאָטס האַנט,
די האַנט פון רעכט
וואָס ברעכט
די אומרעכט
ביזן פונדאַמענט.
הענט,
ווען איך האָב אייך דערקענט
אין אַרבעט,
ליבע,
אייניקייט און צאָרן,
דאַן האָב איך גאָט דערזען
אין מדבר פון מיין צווייפל, —
אַ פלאַקער אויפן דאָרן,
ער האָט געברענט
און ניט פאַרברענט געוואָרן.

פּאַריז, 1929.

דאָס געבעט פונעם שטילן

דאָס איז דאָס געבעט פונעם שטילן,
דאָס איז זיין געזאַנג אין דער נאַכט:
ווי דאָס ליכט פון דער וועלט איז דיין ווילן,
ווי דער חושך, אַזוי איז דיין מאַכט.

ניין, איך וועל צו דיין מאַכט זיך ניט קניען —
צו דעם קאַלטן פאַרשטיינטן גראַניט.
מיין געזאַנג צו די שטערן וואָס גליען,
צו דיין ווילן וואָס וואַרצלט און בליט.

אויף אַ פעלד, וועלכעס ציטערט אין בליטן,
ווי אַ שמעטערלינג שוועבט מיין געבעט;
צו דעם וואַרעמען בלוט פון מיין האַרצן,
צו מיין ליכטיקעס אויג וועלכער זעט.

צו מיין חלום וואָס גליט אין די פאַרבן
פון פרימאָרגן וואָס איז אים באַשערט,
צום געדאַנק וואָס וועט קיינמאָל ניט שטאַרבן,
צו דער ליבע וואָס וואַרעמט די ערד.

דאָס איז דאָס געבעט פונעם שטילן,
דאָס איז זיין געזאַנג אין דער נאַכט;
זאָל אייביק נאָר לייכטן דיין ווילן!
פאַרשוואונדן זאָל ווערן דיין מאַכט!

פּאַריז, 1928

מיין טרויער

עס האָט זיך צעזונגען דער ראַדיאָ
אין ווינקל פון צימער,
און הויך דאָרט אין הימל
ברומט שטאָלץ, ווי אַן אָרגל
די לופטשיף אין פורפורנעם שימער.
נאָר שטיל פאַר מיין פענצטער
פאַלן אין אָוונט
קאַשטאַנענע בלעטער
אַראָפּ פון די צווייגן.
איצט ווייס איך:
מיין טרויער,
מיין טרויער,
דער ברוינער,
דער בלויער,
דער גרויער,
איז גאָט אינעם שווייגן.

און קלאַנגען,
וואָס קומען און גייען
אויף אַנדערע וועגן;
און פעלדזן פון שטומקייט,
וואָס שטייען זיי פינצטער אַנטקעגן;

און הערצער, וואָס שווייגן;
און הערצער, וואָס פרעגן;
און אויגן, וואָס טראָגן
פאַרגליווערטן צער אין שוואַרצאַפּל;
און קני פול מיט אימה;
און פינגער פול צאַפּל,
און בלעטער, וואָס גליטשן זיך
שטיל, אומבאַמערקט פון די צווייגן.
איצט ווייס איך:
מיין טרויער,
מיין טרויער,
דער ברוינער,
דער בלויער,
דער גרויער,
איז גאָט אינעם שווייגן.

פאַריז, 1932

פרידן

לעב איך מיר אין פרידן
מיט דער גאַנצער וועלט.
וואַלד און פעלד, אין מיטן
שאָטנט מיין געצעלט.

קומט דער גוטער מאָרגן
זיץ איך פאַרן שוועל,
האַלט אַ קרוג מיט וואַסער
קאַלטן פון מיין קוואַל.

גייט פאַרביי אַ גייער,
גריס איך אים אָן רייד,
פרעג אים ניט זיין נאָמען
און וואוהין ער גייט —

גאָט, ווי קען ער וויסן,
וואו עס פירט זיין פוס,
אפשר איז מיין גריסן
שוין זיין לעצטער גרוס.

ציט ער אויס זיין בעכער,
גיב איך אים זיין טרונק,
טייל מיט אים מיין ברויט זיך,
טרייסט אים אויפן וואונק —

גאָט וואָס מאַכט דען נענטער
מענטשן אויף דער וועלט,
ווי דער גרויסער שווייגן
פאַר אַן איינזאַם צעלט.

זע איך זיינע גלידער
בויגן זיך נאָך רו,
בעט איך מיין געלעגער
און איך דעק אים צו.

גאָט וואָס קען איך מער דען
געבן, ווי דו ווייסט,
חוץ דעם טרונק פון ליבע
און די רו פון טרייסט.

פּאַריז, 1928

פארגיב זיי יאָ! פארגיב זיי ניט

פֿאַרגיב זיי יאָ, פֿאַרגיב זיי ניט, —
זיי טראָגן גלייך מיט דיר דעם יאָך
און שלעפּן זיך, ווי דו, געשמידט
דורך אַלע גרויע טעג פֿון וואָך.

ביי זייער וויג האָט אויך געבליט
דער ראָזינקעס און מאַנדלבוים,
און פֿאַלן זיי פֿון אַרבעט מיד,
דאַן רוישט ער נאָך אין זייער טרוים.

ער רוישט און שמעקט מיט שבת אויבסט,
אַ יעדע צווייג אין רו־ליכט גליט, —
דאָרט זיצט די גאָלדענע פּאַווע שטיל,
די גאָלדענע פּאַווע פֿון דיין ליד.

זיי רוען דאַן, ווי דו, אין ליכט
און בענקען גלייך, ווי דו, נאָך גליק;

און וואַכן זיי פון שלומער אויף —
איז קינדיש לויטער זייער בליק.

און די וואָס לויערן ביינאַכט
און שמירן איין אין בלוט די האַנט,
און די וואָס האַנדלען מיטן לייב
און באָדן זיך אין שוואַרצן שאַנד;

און די וואָס גייען דיר פאַרביי
און הויבן ניט די ברעמען אויף;
און די וואָס קריכן אויף די קני
און בעטלען הויך אויף יעדן הויף, —

זיי קומען פון דיין טרוימען לאַנד,
זיי שטאַמען פון דיין טרוימען שטאָט,
און פאַלן זיי אין שטויב פון טאָג,
דאַן רופן זיי צום זעלבן גאָט.

בערלין, 1922.



זינג, דו . . .

זינג, דו, מיין נשמה, צו גאָט,
ווי געפאַנגענע זינגען אין טרויער —
די נאַכט האָט פאַרשלאָסן די שטאָט
און דו זיצסט, ווי פאַרמויערט אין מויער.

אַזעלכע, ווי דו, זיצן פיל
פאַרריגלט אין זייערע הייזער
און ציילן גלייכגילטיק די טעג,
ווי ס׳ציילט אויפן זייגער דער ווייזער.

פאַרבונדן, פאַרשרויפט און געשמידט,
צו אַקסן, צו צייניקע רעדער,
דרייט יעדער אַן ווילן זיך מיד,
באַוועגט פון אַ שטאַלענער פעדער.

זינג, דו, מיין נשמה צו גאָט,
ווי דער שיכור צווישן די שיינקען.
די נאַכט האָט פאַרשיכורט די שטאָט
און די הערצער פאַרגייען פון בענקען.

אַלץ פיבערט, אַלץ שטאַמלט פון שלאָף
אַלץ וויינט אין די קישנס פאַרבאָרגן,

דער שיכור אַליין נאָר ער וואַכט
אין די ליידיקע גאַסן אָן זאָרגן.

עס שטייען נאָך שיינקען געגוג
אָפן און גרייט אויף די ראָגן,
דאָרט קען מען נאָך טרינקען פון קרוג,
ביז וואַן עס וועט אָנהייבן טאָגן.

און רייסן די קייטן פון זיך,
וואָס שמידן דיך צו צו די רעדער
און שמייסן פון פענצטער אַרויס
די פאַרשאָלטענע שטאָלענע פעדער.

און נאָכדעם אַרומגעמען טריי
אָן איינזאַמען בלאָסן לאַמטערן
און פלוצלונג אַנטדעקן אין הויך
אַ הימל אַ טיפן מיט שטערן.

דאַן אויפהויבן פריינדלעך די האַנט
און ווינקען צו זיי מיט אַ פינגער,
און פריי פון דער וועלט און פון זיך
צעזינגען זיך הויך, ווי אַ זינגער.

פאַריז, 1932.

דריי אויפן ראָג

די זון איז אַוועק, אַ פֿאַרבלוטיקטע ראָד —
וואָס האָט זי צעמאָלט דורכן טאָג? —
די זון איז אַוועק, אַ פֿאַרבלוטיקטע ראָד,
אַ לאַמטערן נעמט לייכטן ביים ראָג.

איז די שטילקייט, און אַלטע געבויגענע פֿרוי,
מיט די שאָטנס געקומען צוגיין.
איז די שטילקייט, און אַלטע געבויגענע פֿרוי
ביים ראָג זיך געזעצט אויף אַ שטיין.

פאַרבעלמעטע פענצטער און שטום טויבע ווענט, —
האָט די אַלטע פאַרבראַכן די הענט.
— פאַרבעלמעטע פענצטער און שטום טויבע ווענט, —
אַט אַזוי ווערט דאָס לעבן פאַרברענט.

האָט ביים ראָג זיך באַוויזן אַ מיידל אַליין,
אויף די קנאָפּל די היכע געוויגט.
האָט ביים ראָג זיך באַוויזן אַ מיידל אַליין.
— זאָג מיר, מיידל, ווער האָט דיך געפליקט ?

— ניט געפלאָנצט, ניט געפליקט, נאָר צעטראָטן אַזוי
טויזנט טריט, ווי דער שטויב אונטער דיר.
— ניט געפלאָנצט, ניט געפליקט, נאָר צעטראָטן אַזוי ?
זעץ זיך, מיידל, רו אָפּ דאָ לעם מיר.

זיצן ביידע צוזאַמען און שווייגן אַזוי.
קומט אַ שיכור באַרג אויף און באַרג אָפּ.
זיצן ביידע צוזאַמען און שווייגן אַזוי.
— זאָג, וואו האָסטו פאַרלאָרן דעם קאָפּ ?

— איך... מיין קאָפּ... וואָס דו זאָגסט... פאַרן ראָג... אַלטער טאָפּ!..
ביסט פון דאָרף... וואָס... געקומען אין שטאָט ?..
לעבן ענג... לעבן שווער... נעם איך אָט... און מאַך האָפּ...
און איך קלעטער אַזוי צו מיין גאָט...

— וואָס, דו קלעטערסט צו גאָט? נעם אונדז מיט, אויב דו ווילסט!
— זייער גוט, האַלט זיך פעסט ביי מיין ראָק...
— — — — — — — — — — — — — — — — —
האָבן דריי זיך דערהויבן, העט, העט, אין דער הויך
פון דעם איינזאַמען שטיינערנעם ראָג...

פאַריז, 1932

דאָס ליד פון מענטשן

פאַראַן אַ ליד אַזאַ
און געבענטשט זאָל עס זיין.
פאַראַן אַ ליד אַזאַ, —
ניט פון פרויען און ווײַן,
ניט פון אייגענעם גליק אָדער טרויער.
פאַראַן אַ ליד אַזאַ... —

— . . . אויף אַ צעאַקערטער ערד גייט אַ פויער
און ער הויבט אויף זיין האַנט,
ווי צום בענטשן.
און עס פאַלן
די גאָלדענע קערנער אַראָפּ,
און די זון איבער אים,
ווי אַ קרוין אויפן קאָפּ... —
פאַראַן אַ ליד אַזאַ —
און דאָס ליד איז פון מענטשן.

פאַראַן אַ ליד אַזאַ, —
און געלויבט זאָל עס זיין, —
ניט פון אייגענעם שטאָלץ,
ניט פון אייגענעם רום.
פאַראַן אַ ליד אַזאַ:
— . . . ביי אַ גליענדן אייזן

שטייט געוואָרצלט אַ שמיד,
און ער הויבט אויף זיין האַנט,
ווי צום בענטשן.
און עס שיטן זיך פונקען, ווי שטערן, אַרום
און דער אייזן פאַר אים,
ווי אַ פלאַמיקע בלום... —

פאַראַן אַ ליד אַזאַ —
און דאָס ליד איז פון מענטשן.

פאַראַן אַ ליד אַזאַ, —
און געקרוינט זאָל עס זיין, —
ניט פון אייגענעם צער
ניט פון אייגענעם פיין.
פאַראַן אַ ליד אַזאַ:

— ... ליגט אין רינשטאָק אַ בעטלער
און חלומט פון שטערן,
און אַ גאַסן־פרוי וויינט,
ווי מיט קינדערשע טרערן;
און אַ גנב פאַרשעמט
לאָזט אַראָפּ זיין געזיכט;
און אין שמאַטעס אַ קינד
און אין אויג זיינס אַ ליכט
פון פאַרשטאַנד און געדאַנק;
און אין לופט גייט אַדורך,
ווי אַ ספערן געזאַנג;
און אַ האַנט הויבט זיך אויף
פון דער אַרבעט פול גנאַד
און זי וויגט זיך אויף אונדז,
ווי צום בענטשן... —
פאַראַן אַ ליד אַזאַ,
ווי אַן אויפשטייג צו גאָט,
און דאָס ליד איז פון מענטשן.

פּאַריז, 1929.

שלאָפלאָזע נעכט

נעכט נאָך נעכט
און ס'פאַלט אויף דיינע ברעמען ניט קיין דרעמל.
דער געדאַנק איז וואַך און אומרואיק דיין געמיט.
געדענקסט די צייט, ווען דער קליינער שוואַכער פלעמל
געברענט האָט אינעם נאַפטלאָמפּ אויפן טיש?
אין פענצטער האָט דער הימל פול מיט שטערן
די גרויסע שטילקייט פון דער וועלט געהיט.
דאַן האָסטו אינעם שוויגן געקאָנט הערן
פון אייביקייט צו אייביקייט גאָטס טריט.

דאַן האָט אַ טיפער וואַרעמער בטחון,
ווי אַ פליגל גלייך דיין נשמה איינגעהילט,
ווי אַ קינד וואָס איז אין פאָטערס בעט פאַרקראָכן
און פלוצלונג זיך אין זיכערהייט דערפילט.
און שליסנדיק אין רו די מידע אויגן
ביסטו ערגעץ, ערגעץ, ערגעץ ווייט פאַרפלויגן.

איצט זיינען שוין קיין הימלען מער ניטאָ, —
אַ, יענער טיפער, ריינער, טונקעלער בלאָ,
פון וואַנען מענטשן האָבן אָפט געהערט
די שירה פון גלגלים און פון ספערן, —
איצט האָט מען מיט רעפלעקטאָרן אויסגעקערט,
ווי מיט בעזימער פון ליכט די אייביקע שטערן.

און אין די הימלען האָבן זיך באַוויזן
די שטאָלענע, די פליענדיקע ריזן
און מיטן דונער פון זייערע מאָטאָרן
צעטרייסלט דעם בלאָען פלאַך פון רו און פרידן,
וואו גאָט פלעגט זיינע ליכטיקע וואונדער וויזן,
וואו טויבן פלעגן אומשוועבן אין קרייזן
און די שוואַלבן האָבן זיך געיאָגט, ווי בלויע פיילן,
און די לערכע האָט געקלונגען מיט זילבערנע גלעקלעך.
און די וואָלקנס האָבן גלייך, ווי ראָזע זעגל שיפן
געוויגט זיך אויפן מאָרגנס גאָלד באַשטראַלטע טיפן,
וואו די לבנה האָט ביינאַכט מיט אירע בלאַסע שטראַלן
אַרומגעוועבט פאַרליבטע מיט אַ נעץ פון טרוימען,
באַגלייט מיט דעם געזאַנג פון נאַכטיגאַלן.

און פּלוצלונג זיינען פּוסט געוואָרן אַלע רוימען
און אָנגעפילט די נעכט מיט אימה און מיט שרעקן,
דאַן האָבן זיך די שטעט גענומען וועקן
און אויסגעלאָשן אַלע ליכט און ליכטער,
און פאַרזונקען אין אַ שוואַרצקייט אַ געדיכטער
האָבן זיי צעיאָמערט זיך מיט זייערע סירענעז,
גלייך ווי די גאַנצע וועלט וואָלט אָנגעהויבן ברענען.

דער וועכטער איז אַוועק, אַוועק אין זיינע ווייטן
און געבליבן איז דער מענטש פאַרלאָזן מיט זיין וויסן,
מיט זיינע אור־אינסטינקטן און פינצטערן געוויסן,
און בלינד פון שטאָלץ און העזהדיק פאַרריסן

האָט ער פֿאַרמאָסטן זיך אין אַ געיעג מיט גאָט ;
נאָר מיט יעדן נייעם טראָט
און ניי־אַנטדעקטן סוד
האָט ער זיך זעלבסט געשפּאָלטן,
זיין אייגענעם איך צעריסן ;
אַנשטאָט, ווי גאָט, צו זאָגן : „עס זאָל ווערן !"
האָט ער גענומען זיין אייגענע ווערק צעשטערן ;
און ווען ער איז צום לעצטן סוד דערלאָפֿן,
צום בוי־שטיין פֿון דער וועלט, צום אומבאַקאַנטן אַטאָם,
האָט ער דערזען פֿאַר זיך דעם כאַאָס אָפֿן, —
אַ ריזן וואָלקן קאָפּ, שטייגנדיק פֿון די ימען,
אויסגעקנאָטן פֿון וואַסער און פֿון פֿלאַמען
וואָס האָט זיך אויפֿגעהויבן הימל הויך
מיט אַ שטראַלן־גלאַנץ פֿון טויט אויף זיינע לאָקן.
דאַן האָט זיך דער מענטש פֿאַר זיך אַליין דערשראָקן,
ווי אַ משוגענער אין יענע זעלטענע מינוטן,
ווען ער ווערט אַ רגע קלאָר
און דערזעט די וואָר,
און דערפֿילט די טונקלקייט וואָס רוקט זיך אויף אים ווידער,
און בלויז פֿון שרעק פֿאַר זיך
צעשטערט ער דאַן זיין איך.

נעכט נאָך נעכט
און ס'פֿאַלט אויף דיינע ברעמען ניט קיין שלאָף.
דער געדאַנק איז וואַך און אומרואיק דיין געמיט, —
אין אַ וואַלד אַ ווילדן אַ פֿאַרבלאָנדזשעט שאָף
וואָס קאָן זיין פּאַסטוך ניט דערגרייכן
און הויבט די אויגן אויף פֿאַרצווייפֿלט צום אין סוף
און וואַרט אַן ענטפֿער פֿון די ווייטע הויכן.

ניו־יאָרק, 1949.

II



מײַן נשמה געהערט

מײַן נשמה געהערט,
מײַן נשמה געהערט
צו מײַן שטעטל װאָס ליגט
אױף דער ליטװישער ערד.
זײער װײניק איז דאָרט
פֿאַר אַ גליקלעכן אָרט.
פֿאַר דערפֿאַר איז דאָס הויף,
טיף דער הימל אָן ברעג
און עס ציט זיך דורך אים
גאָטס געשטערנטער װעג.
און בײַנאַכט, װער עס װיל
אין גאָטס פּאַלאַצן זײַן,
מאַכט דאָס פֿענצטערל אױף,
קוקט אין הימל אַרײַן.

נישט דער װײַנגאָרטן בליט,
נישט דער גאָלדעפּל גליט —
אויף די פֿעלדער צעשפּרייט,
װען אַ װינטעלע װײט,

כוואַליעט שטיל זיך פאַרשעמט
אונדזער אָרעמעס ברויט.
דאָך געבענטשט זאָל עס זיין
מער פון בוימל און וויין,
ווייל ער שיצט אונדזער הויז,
און דערקוויקט אונדזער זעל
און דערלאָזט נישט די נויט,
וועלכע היט אונדזער שוועל.

און פאַרטראַכט איז דער וואַלד,
תמיד טונקל און קאַלט,
אומעט דרעמלט אין שויס
פון זיין בוימער געדויש.
נישט קיין יעגער געזאַנג,
נישט קיין לוסטיק געקלאַנג —
אין אוראַלטן געשפּרעך
פון די סאָסנעס אין הויך
ווערט דער פויגל געזאַנג
אויך פאַרטרויערט און ווייך.
דאָך מיר נאָנט איז זיין ליד,
וועלכעס פליסט אַזוי מיד
אין מיין אוראַלטער זעל.
אין דער זעל פון אַ ייד
איז פאַראַן אַזאַ קוואַל,
וועלכער פליסט, ווי דאָס ליד:
ניט עס רוישט, ניט עס ברויזט,
נאָר עס שטראָמט און עס קוועלט,
ווי די בענקשאַפט נאָך גאָט,
ווי דער צער פון דער וועלט.

מיין נשמה געהערט,
מיין נשמה געהערט
צו מיין שטעטל וואָס ליגט
אויף דער ליטווישער ערד.
דאָרטן, שטיל אין אַ טאָל

האַט מיין זיידע אַמאָל
אויף זיין וועג דורך דער וועלט
זיין מנוחה געוויילט,
און דעם טרויער דערהערט
און דעם באָדן באַטרערט,
און דערנאָך אין זיין טרוים
אין זיין אַלטן פאַרקלערט.
מיין נשמה געהערט,
מיין נשמה געהערט
צו מיין שטעטל וואָס ליגט
אויף דער ליטווישער ערד.

ווילנע־בערן, 1915—1910.



פארוואָגלט

איך שטיי לעם דיר, מיין לאַנד,
און קאָן צו דיר ניט קומען.
איצט לייכטן דאָרט אין פעלד
די בלויע קאָרן־בלומען,
די תבואה גרינט אין גרוי,
דער יונגער קאָרן בליט
און ס׳בויגט זיך יעדער זאַנג
פאַר גאָטס געבענטשטע טריט.
איך אָבער זע אים ניט, —
ביים שוועל פון פרעמדע געטער
האָב איך מיר אַ געצעלט
געשטעלט פון אַלטע ברעטער.
דער וואָרעם אינעם האַלץ
זינגט מיר זיין פוילעס ליד
און ס׳דרינגט מיט פייכטקייט מיר
און קעלט אין יעדן גליד.

איך האָב געפּרואווט זיך לאָזן
איבער אַלע ימען

און ניט געקאָנט געפינען
מער קיין אַנדער מאָמען.
כ׳האָב געשפּרייזט אַריבער
אַלע ברייטע וועגן,
נאָר אַלע וועגן פירן
שטיל צו דיינע ברעגן.
אין יעדעס לאַנד האָט מיר
דער שטאַרקסטער וויין גערונען,
נאָר שטאַרקער פון דיין בענקשאַפט
האָב איך ניט געפונען.

כ׳האָב אַ קליינעם זון
מיט גרויסע שוואַרצע אויגן,
ער האָט דעם טרויער
פון דיין הימל איינגעזויגן.
וואָס זאָל איך זאָגן אים,
ווען ער וועט נעמען פרעגן?
דו האָסט אין פרילינג
אַזאַ שמעקעדיקן רעגן,
די לאַנקעס דיינע צירן
גאָלדיק געלע קווייטן
און ס׳שיסט דער רויטער מאָן
אַרויס פון אַלע בייטן;
פאַרשלאָפן ענגט דער ווינט
אויף דיינע טונקעלע בוימען,
באַהאַלטן אינעם גרינס
דאָרט זינגען מיינע טרוימען, —
איך אָבער הער זיי ניט
די בלויע אָוונט־לידער.
עס שרייט מיר פון דער ערד
דאָס בלוט פון מיינע ברידער;
עס ליגט אַ שטאָלן־האַנט
אויף דיינע פרייע פעלדער
און שטורמען קלייבן זיך
אין דיינע טונקעלע וועלדער.

איך וועל אים גאַרנישט זאָגן,
נאָר אַ מעשהלע פאַרטרויען
פון דער גאָלדענער פאַווע
אין אָוונט שיין, אין בלויען:
געפלויגן, געפלויגן די פאַווע
איבער פרעמדע סעדער,
האָט די גאָלדענע פאַווע
פאַרלוירן די גאָלדענע פעדער.
איצט פליט די פאַווע אום
אין וויסטעניש, אין שטומען
און קאָן צוריק אַהיים,
צוריק אַהיים ניט קומען.

בערלין, 1924.

ליטע

עס האָט מיך געפאַנגען דער אומעט וואָס שוועבט איף די טונקעלע פעלדער
און רוט אויף די איינזאַמע ביימלעך וואָס שטייען צעוואָרפן אויף זיי;
דער בלויער, פאַרטרויערטער הימל וואָס קוקט אַ פאַרוויינטער אַרונטער
דורך ווייסלעכע, זיידענע נעפּלען און פול מיט אַ צערטלעכן ווי;

די ראָזע און שטילע פאַרנאַכטן וואָס שטאַרבן, ווי עלנטע קינדער;
די נעכט, וועלכע באָדן זיך שטיל אין אַ בלאַסן, אַ קרענקלעכן שיין;
די מאָרגנס וואָס וועקן זיך אויף, ווי אַ שמייכל אויף גוססע ליפּן;
די טעג וואָס דערשיינען פאַרהילט, ווי זיי וואָלטן זיך שעמען צו זיין;

די שמאָלינקע טייכלעך וואָס בלאָנדזשען פון אונטער ברוגזע ווערבעס;
די לאָנקעס, אויף וועלכע עס שפּראָצן זיך אָרעמע בלימעלעך שטיל;
די קליינע בעריאָזעווע וועלדלעך אויף ברייטע, אומענדלעכע שטרעקעס,
ווי איינציקע, ליכטיקע טרוימען אין תהום פון אַ שוואַרצן געפיל.

עס האָט מיך פאַרכישופט דאָס לאַנד, וואו די זון קוקט אַרויס דורך אַ נעפּל;
דאָס לאַנד, וואו עס קומען קיין שטורעמס, נאָר ווינטעלעך קייקלען זיך מיד;
דאָס לאַנד, וועלכעס בענקט אין אַ טרויער און האָפט אין זיין שטענדיקן צווייפל;
דאָס לאַנד, וואו עס האָט זיך געוועבט מיין פאַרבענקטעס, פאַרחלומטעס ליד.

וואָלקאָוויסק, 1907.

די בעריאָזקע

רואיק, רואיק, שאָקלט איר געלאָקטעס, גרינעס קעפּל
מיין ווייסינקע בעריאָזקעלע און דאַוונט אָן אַ שיעור.
יעדעס, יעדעס בלעטעלע אירס שעפּטשעט שטיל אַ תּפילה...
זיי שוין, קליין בעריאָזקעלע מתפּלל אויך פאַר מיר!..

איך בין דאָ אַן עלנטער, געקומען פון דערווייטן,
פרעמד איז מיר דער גאָט פון דאַן און פרעמד איז מיר זיין שפּראַך
נישט ער וועט מיין טרויער זען און נישט פאַרשטיין מיין תּפילה,
כאָטש איך וועל מתפּלל זיין, מתפּלל זיין אַ סך.

פון דעם וויטן מערב האָט זיך טרזיעריק פאַרגנבעט
אין די דינע צווייגעלעך אַ ראָזער, צאַרטער שטראַל
און אַ לייכטן קוש געטאָן די בלעטלעך, די קליינע,
וועלכע האָבן, דרעמלענדיק, געהאָרכט דעם נאַכטיגאַל.

פון די ברייטע פעלדער איז אַ ווינטעלע געקומען
און דערציילט די בלעטלעך לעגענדן אָן אַ שיעור...
עפּעס האָט אין האַרצן טיף ביי מיר גענומען בענקען:
זיי שוין, קליין בעריאָזקעלע, מתפּלל אויך פאַר מיר!..

וואָלקאָוויסק, 1907.

אין א לבנה־נאכט

פֿאַרהילט האָט דאָס וועלדל אַ זילבערנער נעפּל,
באַהאַלטנדיק דאָרטן אַ שטיק פֿון דער נאַכט,
און איבער די פֿעלדער, די בלאַסלעכע שטרעקעס,
געשוועבט האָבן זײַדענע שאָטנס פֿאַרטראַכט.

אין לופֿט האָט געציטערט אַ צערטלעכע ווײַסקייט
פֿון בענקשאַפֿט, און טרויער, און שטילן פֿאַרדרוס,
אַזוי ווי די בלאַסקייט אויף מיידלשע באַקן
וואָס גאַרן אַ ווייכן, אַ וועקנדן קוש.

פֿאַרוויגנדיק שטיל זײַנע זילבערנע וועלן,
איז ערגעץ אַ טײַכל געשוואומען פֿאַרבענקט,
און שווימענדיק נעצן געפֿלאָכטן פֿון שטראַלן
וואָס האָט אים די קאַלטע לבנה געשענקט.

פֿון ווײַטן געצאַנקט האָבן פֿײַערלעך קליינע —
דאָס האָט ערגעץ שטיל וואו אַ דערפֿל גערוט.
אין לופֿטן געווייט האָבן וואַרעמע ווינטלעך
און ליבלעך געסודעט: ווי אַלץ איז דאָ גוט...

וואָלקאָוויסק, 1908.

עמעץ האָט זיך פאַרבענקט

עמעץ האָט זיך פאַרבענקט...
צו דעם בלוי־ווייסן רוים,
צו דעם נעץ פון די צערטלעכע, ליכטיקע שטראַלן
האָט פלוצלונג אַ שטילע מעלאָדיע דערגרייכט,
ווי אַ טרוים...
און דערנאָך אין דער ווייטקייט פאַרפאַלן...
עמעץ האָט זיך פאַרבענקט...

דאָרטן ווייט, דאָרטן ווייט, וואו עס דרעמלט דער וואַלד
אין אַ נעפּל פון מאַטאָווע זילבער
שטיל, אין שאָטן פאַרהילט
פון אַן אוראַלטן דעמב,
אויפן פייכט־ווייכן גראָז, מיט אַ האַרפע אין האַנט
מוז זיצן אַן עלנטער זינגער
און אַ ניגון פאַרטראַכט וועבן שטיל, וועבן שטיל
אויף די סטרונעס מיט צערטלעכע פינגער.
עמעץ האָט זיך פאַרבענקט...

וואָלקאָוויסק, 1906.

פארנאכט

פון די ברייטע גאָלדענע פעלדער ווייט אַ ווינטעלע אַ מילדס
און דאָס קלאָרע טייכל מורמלט, ווי פון שלאָף אַ קינד.
טיף פאַרזונקען אין געדאַנקען, שטייען, דרעמלענדיק, די ביימער
און די טונקעלע לאָנקע הילט אַ ראָזער נעפל איין.

ווייט אין מזרח, וואו עס קען שוין נישט דער לעצטער שטראַל דערגרייכן,
צינדן, צינדן קליינע, בלאַסע שטערנדלעך זיך אָן.
ווּעמעס וועג באַלייכטן וועלן זיי, די ליכטיקע, די ווייטע?..
וועמען וועלן זיי פאַרפירן דאָרט מיט זייער ליכט?..

בלאַסער, בלאַסער ווערט דער רויטער פלעק אין בענקענדיקן מערב,
און אַ שאָטן אַ געהיימער הילט די פעלדער איין.
ווייט אין מזרח הייבט אָן בלייכן, עמעץ הייבט דאָרט אָן צו האָפן...
וואַרט, עס וועט זיך באַלד צעגיסן דער לבנהס שיין...

וואָלקאָוויסק, 1906.

נאכט

עס רוקט זיך אַלץ נענטער און נענטער די נאַכט,
ווי אַ שוואַרצער, אַ ריזיקער אָדלער.
אַ, ליבסטע, מיך שרעקט זי, עס שרעקט מיך איר בליק:
זי קוקט, ווי אַ בלינדער מיט אָפענע אויגן,
און ס'דוכט זיך די אויגן, זיי זעען, ווי מיר
און אפשר נאָך טיפער און בעסער...
עס שרעקט מיך דאָס וועלדל וואָס שיינט, ווי אַ פלעק
אויפן טונקעלן בלוילעכן הימל...
וואָס טוט זיך איצט דאָרטן
און וואָס פאַר אַ סוד
וועבט זיך צווישן דיביימער
וואָס שטייגן אין דעקעס אין שוואַרצע געהילט,
און שוויגן און קוקן פאַרשטיינערט אַראָפּ
צו די שוואַרצע פאַרגליווערטע שטרויכן?..
עס ווייזט זיך אַ שטערן, אַ צווייטער נאָך אים...
און ווינקען...
צו וועמען, מיין ליבסטע?
עס שרעקט מיך, אַ, טאָמער פאַלט איינער פון זיי
צו דער ערד און ווערט פלוצלונג פאַרלאָשן, —
דאָן אויבן אין הימל וועט פעלן אַ שטערן
און אונטן וועט ווערן נאָך מערער מיט איינעם
אַ קאַלטן, פאַרלאָשענעם קערפער...

עס שרעקט מיך, מיין ליבסטע, די פינצטערע נאַכט,
מיך שרעקן די ריזיקע שאָטנס...

וואָלקאָוויסק, 1906.

דאָס איז שוין לאַנג, מיין קינד, געווען, לאַנג

דאָס איז שוין לאַנג, מיין קינד געווען, שוין לאַנג...
ווען ס׳האָט אין בלויער לופט דער ערשטער קלאַנג
פון שטילן טרויער איינזאַם זיך צעשפּרייט,
און ערגעץ אויף אַ פרישן קבר דאַן
האָט קליינע, ווייסע בלימעלעך פון פעלד
אַ קליינע, צאַרטע פרויענהאַנט פאַרזייט.

שוין לאַנג, מיין קינד, געווען איז דאָס, לאַנג,
ווען ס׳איז דאָס ערשטע האַרץ געוואָרן באַנג,
און אין אַ ווייסער זומערנאַכט אַליין
האָט שטיל צווישן שלאַנקע סאָסנעס ווער
פאַרלוירן אין דעם טוי פון גראָז אַ טרער
און אין די שאָטנס אַ פאַרשטיקט געוויין.

דאָס איז שוין לאַנג, מיין קינד געווען, שוין לאַנג...
אַראָפּ צו אונדז איז אַ פאַרבענקטער גייסט
וואָס שוועבט אַרום און סודעט תמיד איין
אונדז שטיל אַ סוד פון אַ פאַרגאַנגען גליק,
וואָס ציט אונדז, ווי דער בלויער וויטער שיין
פון שטערן און לאָזט קיינמאָל נישט צו רו,
און וועקט דאָס האַרץ און דריקט פון אויג אַ טרער,
און רופט, און רופט, נישט ווי סנדיק אַ וואו.

וואָלקאָוויסק, 1906.

שטערן-פאַל

עס ווייגען די טיף-בלויע הימלען
מיט לויטערע, גאָלדענע טרערן.
די טרערן, זיי פאַלן אין אומעט
פון טונקעלע פעלדער אַראָפּ.

און איבער די טונקעלע שטרעקעס
שוועבט איינזאַם אַ טרויעריקע שטילע
און קלייבט זיי, און קלייבט זיי די גאָלדענע טרערן
צו איר אין איר שויס.

דעריבער פאַרנעמסטו אַ רויש,
ווי פון צאַרטע, פון זיידענע פליגלען;
דעריבער הערסטו, ווי עס בלאָנדזשעט
פאַרטראַכט עמעץ ווער אויפן פעלד,

און גלייך, ווי עס וועבט זיך אַ גאָלדענער
שנירעלע דורך אין דער לופטן,
באַלד גליטשט זיך אַ זיידענעס ווינטל
אַריבער דעם שלאָפיקן גראָז.

וואָלקאָוויסק, 1906.

ווייסע נעכט

שלאָף איינעט, מיין ליבסטע, און וואַרט...
באַלד וועלן זיי קומען, די ליכטיקע אָוונטס,
פאַרהילטע אין זילבערנע טיולן,
צו שוועבן אַריבער די פעלדער,
אַזוי ווי פאַרכישופטע יונגע בת־מלכות
לעם שלעסער, מיט נעפלען פאַרדעקטע
אַ וואַרעמעס ווינטעלע וועט זיי באַגלייטן,
אַ חלום אַ רואיקער וועט זיך צעשפרייטן
און איינוויגן אַלץ אויף דער וועלט.
בייג איין שטיל דיין קאָפּ אויף מיין אַקסל און דרעמל
און זאָל דיך דאָס וואַרעמע ווינטעלע קושן,
ווי ס׳קושט אַ פאַרשלאָפענע בלום.

שלאָף איין, שלאָף איין, פאַרזינק אין חלומות...
פלעכט איין דיין נשמה אין זייערע נעצן
און וואַרט...
באַלד וועלן זיי קומען, די ליכטיקע אָוונטס
צו שוועבן פאַרחלומט אַרום...

וואָלקאָוויסק, 1908.

אין וואַלד

עס וועט אונדז פאַרוויגן דער רויש
פון די אַלטע פאַרדרעמלטע סאָסנעס;
אַ שלאַנקע בעריאָזקע דערציילן
וועט אונדז די לעגענדע פון וואַלד,
און שטיל אויף אַ הירש אויף אַ וויסן,
צווישן די ערנסטע שטאַמען,
מיט אויגן לבנהדיק גרויסע
וועט קומען איר צויבערגעשטאַלט.

און ווייט דאָרטן, ווייט אין דער טיפקייט,
וואו ס'שטייען געפלאָכטן דיביימער,
וועט ברענגען דער עכאָ צוטראָגן,
געהיים אויף די פליגלען פון ווינט
אַ ווייטעס פאַרצווייפלטעס קלאַפּן,
גלייך ווי אין אַ טיר אַ פאַרמאַכטער,

אַ ליד פון אַן איינזאַמען נזיר,
אַ רוף ערגעץ־וואו אַ פאַרשמאַכטער,
אַ ברום פון אַ דורשטיקער חיה,
אַ שטים פון אַ בלאָנדזשענדעס קינד.

און ביידע, און ביידע צוזאַמען
דאָרט וועלן מיר זיצן און טרוימען
פון איינזאַמע הייזלעך וואָס שטייען
פאַרבאָרגן אין טיפקייט פון וואַלד,
פון יונגע פאַרכישופטע פּרינצן,
פאַרוואַנדלט אין זינגענדע בוימען,
פון פייערלעך קליינע וואָס שוועבן
ביינאַכט אויפן מאָך אויפן גרויען,
פון דרייסטע פאַרחלומטע ריטער
וואָס בלאָנדזשען אין נעפּל אין בלויען.
די שלאַנקע בעריאָזקע פאַרטרויען
וועט אונדז זייער וואונדער־לעגענדע,
און שטיל אויף אַ הירש אויף אַ ווייסן
וועט קומען איר צויבער געשטאַלט.

וואָלקאָוויסק, 1907.

שטילע טריט אין ווייכן מאָך

שטילע טריט אין ווייכן מאָך,
שבת־רו אַ גאַנצע וואָך.

אַלע אָוונט צינדסטו ליכט —
ראָזער שיין אויף דיין געזיכט.

דורך דעם גרינעם סאָסנע־סכך
בלויט אַדורך גאָטס בלויער דאַך.

דאָרט צינדט אויך ווער שבת־ליכט, —
שאָטנס בלוי אויף דיין געזיכט.

זיצן מיר און האַלטן וואַכט,
וואַרטן אויף אַ וואונדער־נאַכט.

גייט אַ רוישן דורכן וואַלד,
שפּאַלט דער הימל זיך און שטראַלט.

שטילע טריט אין ווייכן מאָך,
שבת־רו אַ גאַנצע וואָך.

יעדן אָוונט צינדסטו ליכט, —
ראָזער שיין אויף דיין געזיכט.

פּאַריז, 1938.

פרילינג

איך ווייס נישט, אוי, וואוהין עס ציט מיך מיין נשמה,
וואוהין עס רופן מיך די ווייסע פרילינגס־נעכט,
בשעת איך טרעט ביי זיי אויף די פאַרטראַכטע לאָנקעס
און זוך ביים ווייטן ברעג
פון האָריזאָנט מיין וועג.
איך ווייס נישט, נאָר מיר דוכט: מיר האָט זיך ווען געחלומט
אַ ווילדער גאָרטן, טיף אין אים אַן אַלטער שלאָס,
אַ בלאַסע פרילינגס־נאַכט גערוט האָט אויף די ביימער
און מילד צעוויקלט שטיל די בלעטלעך וואָס אויף זיי,
און דורך דעם העכסטן דעמב האָט שטאָלץ געקוקט אַ טורעם
אין ווייטן בלויען רוים מיט פענצטער העלע צוויי.
און פּלוצלונג האָט פון זיי זיך איינער דאָרט געעפנט
און אויפגעבליצט האָט אַ צאַרטע פרויען־האַנט,
און איך האָב צוויי דערזען פאַרטרוימטע, בלויע אויגן,
אַ לענגלעך ווייס געזיכט, פון מירמלשטיין געטאָקט,
און ווי אַ כישוף האָט זיך ווייך פון דאָרט געצויגן
אַ שטילעס ליד און עפּעס מיר געזאָגט.
איך ווייס נישט, נאָר עס ציט, עס ציט מיך מיין נשמה...
פאַרכישופט בין איך אין די בלאַסע פרילינגס־נעכט.

וואָלקאָוויסק, 1908.

די סאַזשעלקע

אין שויס פון פאַרטרויערטע פעלדער וואָס ציען זיך ווייט אָן אָן ענדע,
באַהאַלט זיך אַ סאַזשעלקע איינזאַם, באַוועבט מיט אַ שטילער לעגענדע;
עס ציטערט קיין איינציקער קנייטשל ביי איר אויף דעם שפּיגל דעם בלויען,
און ס׳היט איר אָן איינזאַמע ווערבע, פאַרהילט אין אַ נעפּל אַ גרויען.

עס היט זי די ווערבע און וויינט דורך די בלעטער, באַהאַלטן, מיט טרערן,
וואָס קאַפּען אַראָפּ און צעשפּרייטן אַ זילבערנעם קרייז אויפן וואַסער;
און ווען עס קומט אָן שטיל די נאַכט און צעשפּרייט אירע פינצטערע שאַטנס,
דאַן גייט אויף אין טונקעלן הימל און היט איר אַ שטערן אַ בלאַסער.

און צייטן פאַרגייען און קומען, עס בייטן די פעלדער דעם צודעק —
דאָ רוט זי, אַזוי ווי אַ שטיקל קרישטאָל אויף אַ סאַמעט אַ גרינעם,
דאָ שלאָפט זי, אַזוי ווי אַ שפּיגל, פאַרלוירן צווישן דעם קאָרן,
דאָ קוקט זי אַרויס, פון ברילּיאַנטן באַדעקט מיט אַ זילבער אַ דינעם.

און צייטן פאַרגייען און קומען, נאָר אייביק בלייבט רואיק איר שפּיגל,
עס שטערט נישט קיין איינציקער עכאָ דאָס טיפע פאַרחלומטע שווייגן,
נאָר אָפטמאָל נעמט דורך, ווי אַ ציטער, די הויכע פאַרקלערטע אַאירן
און ס׳הייבט אָן דער ווערבע געהיים צו באַוועגן די איינזאַמע צווייגן.

וואָלקאָוויסק, 1909.

האַרבסט־שטימונג

ווי שטיל עס צעלייגן זיך טרויעריקע שאָטנס;
אַ ווינטעלע ציטערט צווישן די צווייגן.
פֿאַרמאַך דיינע אויגן, מיין ליבסטע, און לאָמיר
אַ מעשהלע שפּינען אין האַרבסטיקן שווייגן.

דו זיי די בת־מלכּה און איך דער בן מלך.
אַ צערטלעכער טרוים וועט אונדז ביידע פֿאַרוועבן, —
אין ערגעץ אַ פּאַלאַץ וואָס טונקט זיך אין וועלדער,
פֿאַרחלומטע וועלן מיר איינזאַם דאָרט לעבן.

דו הערסט, ווי עס רוישן די ביימער אין דרויסן?
אַ וואָלקן פֿאַרציט זיך אַריבער די שטערן,
אַ בייזער מכשף וועט פּלוצלונג דערשיינען
און וועט אונדזער מאַרמאָרנעם פּאַלאַץ צעשטערן...

דער יונגער בן מלך וועט ערגעץ פֿאַרבלאָנדזשען
און האַלדזן פֿון אומעט אַ פֿעלזן אַ האַרטן;
אין צעלט פֿון אַ פֿאַסטוך וועט זיין די בת־מלכה
און עלנט פֿאַרלאָזן איר ליבסטן דערוואַרטן.

נאָר בלייבן אין מדבר וועט ער. אויף זיין קבר
וועט שטיין נאָר אַן איינזאַמער דאָרן געבויגן,
און שטיל אין אַ פֿינצטערע נאַכט דער בת־מלכה
וועט צומאַכן רואיק אַ פֿאַסטעך די אויגן.

ניט שרעק זיך, מיין ליבסטע, פֿאַרגעס אָן דער ענדע
פֿאַרזינק אין חלומות דיין האַרבסטיקן שויער —
עס טרעפֿט אַזוי זעלטן אַ שיינע לעגענדע
וואָס זאָל ניט פֿאַרהילט זיין אין אייביקן טרויער.

ווילנע, 1907

א ליכטיקער האַרבסט־טאָג

I

קלינג־קלאַנג,
קלינג־קלאַנג,
אַזוי קלינגט עס מיר שטיל אויף מיין גאַנג.

טאַנצט מיין ווייס ציגעלע הינטער דעם נעפּל?
פאַלט פון די ביימער דאָרט גאָלדענע עפּל?
איז פון מיין ליבע דער לעצטער געזאַנג?

קלינג־קלאַנג,
קלינג־קלאַנג,
אַזוי קלינגט עס מיר שטיל אויף מיין גאַנג.

גיי איך און גיי און טו קיינעם ניט פרעגן,
ליכטיקע נעפּלען פאַרשטעלן די וועגן,
ווערט מיר אין האַרץ אַזוי ליכטיק און באַנג.

קלינג־קלאַנג,
קלינג־קלאַנג,
אַזוי קלינגט עס מיר שטיל אויף מיין גאַנג.

דוכט מיר איך שטיי פאַר אַ גאָלדענע טיר,
צי פאַר אַ גלעקל וואָס טאַנצט הינטער איר
שטיי איך און הער, הער אַזוי לאַנג
ביז ס׳שטאַרבט אָפּ דער גליקלעכער קלאַנג.

קלינג־קלאַנג,
קלינג־קלאַנג,
אַזוי קלינגט עס מיר שטיל אויף מיין גאַנג.

II

אַ האַרבסטיקער טאָג האָט געשמייכלט צו מיר,
אויף די פעלדער ליגט בלאַסלעכער גאָלד.

טאַנץ איך פאַר זיך אַליין
אין די נעפּלען אַריין,
אין די נעפּלען וואָס לייכטן, ווי גאָלד.

ווער איך דורכזיכטיק גאַנץ און מיין שאָטן פאַרשווינדט,
און מיין טראָט ווערט נאָך לייכטער פון ווינט.

ווערט צעגאַנגען מיין האַרץ,
ווי אַ שמייכל אַ לייכטס
אינעם בליק פון אַ גוססע קינד.

ווערט אַלץ בלויער און בלוי, ווערט אַלץ קעלטער און קאַלט
און אַ פליגל אַ טונקעלער פאַלט.

און מיין אויג שליסט זיך צו
און די נאַכט קומט מיט רו,
און אויף מיר רוישט אַ האַרבסטיקער וואַלד.

בערלין, 1922.

דער ערשטער שניי

ווייסינקע שנייעלעך וויגן זיך, וויגן זיך,
טאַנצנדיק שטיפעריש, לוסטיק און פריי, —
עפּעס איז יום־טובדיק ניי.
אויף די מויערן
האָט זיך אַ שמייכל צעלייגט
און פאַרצויגן די גרויע, פאַרשטיינערטע טרויערן
מיט אַ באַוועגלעכן ווייסן וואָאַל.
טיף אין די גאַסן באַוועגן זיך
כוואַליעס פון מענטשן
אין זילבערנעם גלאַנץ.
די יוגנט שפּאַצירט.
און ס'קושן און פאַלן די קילינקע שנייעלעך
אויף וואַרעמע, ראָזיקע מיידלשע פּנימלעך;
פאַרשעמטע, מיט שטיפעריש־קינדישע שמייכעלעך
פאַלן און קושן זיי שטיל אין די ליפּעלעך,
פלעכטן אויף זייערע זיידענע לאָקן
פון בלומען אַ קראַנץ.
פאַלן און קושן,
פאַלן און קושן
און ווערן צעגאַנגען אין קוש.
עס וויגן זיך, וויגן זיך ווייסינקע שנייעלעך,
טאַנצן, און פאַלן און פאַלן....

ווילנע, 1907.

פאַרזונקענער טאָג

בלאָס איז געוואָרן
דאָס גאָלד פון די זאַנגען.
אַ טאָג איז געקומען,
אַ טאָג איז פאַרגאַנגען.
דאָס גאָלד פון די זאַנגען
געוואָרן איז בלאַסער,
די וועלט איז פאַרזונקען,
ווי אונטער אַ וואַסער.

די נאַכט־פייגל שוועבן,
ווי שאָטן פון זעגל;
עס זילבערט די בלייכע
לבנה איר שטעגל.
ווי שאָטנס פון זעגל
די נאַכט־פייגל שוועבן,
אין בלוילעכע נעפּלען,
פאַרהילט זיך דאָס לעבן.

נאָר צייטנווייז ציטערן
קרייזן פון וועלן,
עס פאַלן, ווי טראָפּנס
קרישטאָלענע טרעלן.
קרייזן פון וועלן,
פאַרשוואומענער ציטער,
צעבראָכענער בעכער,
קרישטאָלענע שפּליטער.

עס זינקען אין וואַסער
פאַרגאַנגענע קלאַנגען,
אַ טאָג איז געקומען,
אַ טאָג איז פאַרגאַנגען.

פּאַריז, 1928.

III

זכרונות

אַ קליינע שטוב ביים ברעג פון שטאָט,
אַ בוים פון ווילדע באַרן
וואָס האָט שטיל הכנעהדיק
פאַר זיך גענומען דאָרן.

אַ באַנק פון גראָז און שטרויכן צווײ
פאַרהילט אין ווײסע בליטן;
אַ גרינער טאָל מיט פרישן היי
און מיט אַ טײך אין מיטן.

אָט שפרייט זיך אויס, פון גאָלד געוועבט,
אַ ליכטיקער פרימאָרגן;
דאָס הייזל רוט מיט גרינס באַדעקט
און קוקט אַרויס אָן זאָרגן.

אָט זע איך דאָרט אַ פענצטערל —
אַ שטיקל בלויער הימל,
אין גרינס געפּאַסט און שטיל באַהויכט
מיט שאָטנס פון אַ דרימל.

איך ווייס דאָס אָרט, דאָס גליקלעך אָרט
וואָס איך האָב שוין פאַרלוירן, —
דאָס איז די היים, די שטילע היים
פון מיינע יונגע יאָרן.

דאָס איז דאָס לאַנד, דאָס טרוימען־לאַנד,
וואו איך פלעג אין מיין יוגנט
ביי יעדן שטראַל אַ ברודער זיין,
ביי יעדער בלום אַ קרוב;

דערגרייכט דעם הימל מיטן האַנט
געשמועסט מיט די שטערן
און אין די שטילע פרילינגס־נעכט
פלעג איך דעם וועלטגאַנג הערן.

די שפּראַך פון יעדעס גרעזעלע
האָב איך דאַן גוט פאַרשטאַנען;
דעם וועג פון יעדן ווינט געוואוסט, —
וואוהין ער גייט, פון וואַנען.

געהאַט האָט דאַן פאַר מיר אַ זין
דאָס אַלץ וואָס האָט קיין ענדע;
דער סוד פון בלום, דער הימלסרוים
געווען איז אין לעגענדע.

מיר איז באַקאַנט געווען אַלץ,
קיין זאַך נישט פרעמד פון וייטן;
דער שעפער פון דער גאַנצער וועלט
פלעגט פאַר מיין קליינעם פענצטערל
אין זיין מרכבה רייטן.

ווילנע, 1910.



פון יידישן געסל

דאָס ענגע געסל האָט פאַרהילט אַ זיידן שאָטן,
אַ וואַרעם ווינטל האָט די הייזלעך פאַרוויגט.
ווי קליינע קינדערלעך, דערשראָקענע צוזאַמען,
אַ דעכל ביי אַ דעכל שטייען זיי געדריקט.

אַ מילדער, געלבער שיין צעגיסט זיך פון די פענצטער
און וועבט זיך היימלעך איין אין פאָרהאַנג פון דער נאַכט.
פון אַלטן קלויסטער קומען איינזאַם ווייטע קלאַנגען
וואָס שוועבן אויף דאָס ענגע געסעלע פאַרטראַכט.

ווי שטיל עס איז אַרום... עס ציטערן די שטערן...
די שכינה אָטעמט אָפּ אין טיפן בלויען רוים...
אַ שמייכל שוועבט אויף איר פאַרטרויערט בלאַסן פנים
און אויף דעם געסל רוט אַ בענקענדיקער טרוים...

וואָלקאָוויסק, 1908.

יוגנט

אַ שטילער קלאַפּ אין טיר... אַ צערטלעכעס געלעכטער...
אַ שעמעוודיקער קוש... אַ לייכטער דריק אין האַנט...
אַ פענצטערל אַ קליינס... אַ ביימעלע אַ יונגס...
אַ ווייכע באַנק פון גראָז וואָס טוליעט זיך צום וואַנט...

אַ טונקל־בלוי געוועלב מיט גינגאָלדענע שטערן...
אין שטילקייט פון דער נאַכט דאָס זשומען פון אַ גריל...
אַ ווייטער רויש וואָס קומט צושווימען פון דעם טייכל...
אַ ווינטעלע אַ שטילס וואָס גליטשט זיך אויפן גראָז...

דער ברעג פון האָריזאָנט וואָס הייבט שוין אָן צו בלייכן...
אַ ווייסער טיול וואָס הילט דאָס ענגע געסל איין...
אַ לעצטער לאַנגער קוש... אַ שטילער קלאַפּ אין לאָדן...
און נאָכדעם ווייטע טריט וואָס קלינגען אָפּ געהיים...

וואָלקאָוויסק, 1908.

אידיליע

איך וויל, אַז מיין ליבע זאָל ווערן געשלאָסן
אין ערגעץ אַן ענגעס אַ יידישעס געסל,
וואו ס׳שטייען די הייזלעך געדריקט, ווי אַ סטאַדע
פון שעפּסן, ווען ס׳שרעקן זיי וועלפישע ציינער.
אַן עדות זאָל זיין די לבנה און קיינער,
חוץ איר, זאָל ניט קאָנען פאַרנעמען די קושן
וואָס וועלן זיך טראָגן וואָס העכער און העכער
צום ליכטיקן הימל, צום בלוילעכן אָפּגרונט,
וואוהין עס וועט קוקן מיט בליקן פאַרבענקטע
די, וועלכע כ׳וועל שענקען מיין ליבע.

און ווען איך וועל גיין מיט מיין ליבסטע שפּאַצירן,
זאָל אונדז ניט באַגלייטן דעם נאַכטיגאַלס טרעלן,
נאָר שטיל זאָל זיך טראָגן פון ערגעץ אַ ווייטן,
אַ טונקל־באַלויכטענעם, נידעריקן פענצטער
אַ שטילער, פאַרטרויערטער יידישער ניגון
וואָס זאָל אין אַ חלום אַ ווייטן פאַרוויגן, —
אַ חלום פון זיסע און צערטלעכע פּיינען,
און טיפע, נאָך ניט קיין באַוואוסטע פאַרלאַנגען
וואָס שוועבן, ווי עכאָס פון איינזאַמע קלאַנגען,
פון וועלכע עס וועבט זיך מיין ליבע...

און זיין זאָל מיין ליבסטע אַ בלאַסע, פאַרקלערטע,
מיט אויגן פאַרחלומטע, אָפענע, צאַרטע

און בלויע, אַזוי ווי אין פרילינג דער הימל
וואָס קוקט דורך אַ דורכזיכטיק שלייער פון טיולן;
די לאָקן צעוואָרפענע, זײַדענע שוואַרצע
וואָס זאָלן באַזוימען איר פּנים דעם בלאַסן,
וואָס רעדט ניט פון טויט און פון בלומען וואָס וועלקן,
נאָר עפּעס פון שטילע, באַהאַלטענע קרעפטן
וואָס רייסן באַהאַלטענערהייט זיך צום לעבן,
אין פּערל פון ריינע, קרישטאָלענע טרערן
וואָס פאַלן און פאַלן פון ליבע.

און זיין, וויל איך, זאָל זי אַ טאָכטער פון יענע
געבויגענע, פינצטערע, אָרעמע הייזלעך,
וואו ס׳לעבט און עס ליידט די נשמה פון מיין אומה,
וואו ס׳רעדן פון ליידן נאָר בליקן נאָר שטומע.
און האָבן זאָל זי אויך אַן אַלטינקע מאַמע
מיט אויגן וואָס וויינען און קושן צוזאַמען,
מיט בייניקע הענט, וועלכע האַלטן אין גלעטן,
מיט טרוקענע ליפּן וואָס שעפּטשען נאָר ברכות.
און ליב זאָל זי האָבן איר אָרעמע מאַמען, —
די, וועלכע וועט בענטשן מיין ליבע.

און שטיל, אין אַ קליינינקן קאַמער, אין ערגעץ
אַ קליינעם, געבויגענעם, פינצטערן הייזל
זאָל אונדז דערנאָך בענטשן אַ גרייז גרויער זיידע
וואָס וועט אונדז דעם חלום פון פאָלק איבערגעבן,
צו טראָגן אים ווייטער מיט גלויבן אין לעבן.
און מוטיק; געאָרעמט זאָל איך מיט מיין ליבסטער
אַוועקגיין צום ליידנדן פאָלק און אים שענקען
די אייביקע, הייליקע ליבע...

וואָלקאָוויסק, 1905.

תשעה־באב

עס האָט נישט דער הימל געקאָנט דעם טרויער פאַרטראָגן
און שטיל זיך אין שטראָמען פון ליכטיקע טרערן צעגאָסן.
אָן דונערן, צנועהדיק, האָבן די טראָפּנס געניִדערט פאַרלאָזן,
אַזוי ווי זיי וואָלטן אַ שטילעס געבעט פאַר אונדז זאָגן.

דערנאָך האָט אַ שטראַל אַ פאַרשעמטער די דעכלעך די נאַסע
און יעטווידעס שטיינדל און וואַסער אין געסל מיט גינגאָלד באַפּליטערט.
אין לופט האָט קיין איינציקער קלאַנג און קיין איינציקעס ווינטל געציטערט,
פאַרגליווערט, אַזוי ווי דער טרויער אויף פּנימער בלאַסע.

און ס'האָט זיך געדוכט, אַז אין ליכטיקן לופט וועט זיך פּלוצלונג
אַ זאַמדיקער מדבר מיט עטלעכע פּאַלמען באַווייזן,
אַ חורבה אַן אַלטע, פאַרוואַקסן מיט ווילדע, מיט טרוקענע גראָזן,
און אָנגעלענט דאָרט אין אַ ווינקל, אַ יונגפרוי, פאַרוויקלט אין ווייסן.

וואָלקאָוויסק, 1908.

וויג־ליד

אַליע ליוליע, אַליע ליוליע —
שלאָף, מיין טייערער, און רו;
וואויל איז דעם וואָס האָט אַ מאַמען
און אַ וויגעלע דערצו.

אַלעס קאָן מען דאָך געפינען,
אַלעס קריגט מען דאָך פאַר געלט,
נאָר אַ מאַמע — זי איז איינע,
מער נישט איינע אויף דער וועלט.

דאָס איז דאָך אַ גאָטס מתנה,
ווען עס איז נאָר באַשערט.
ווי איז דעם וואָס האָט קיין מאַמען
אויף דער גרויסער, וויסטער ערד!..

אַליע ליוליע, אַליע ליוליע —
ווי דער צער זאָל זיין נישט גרויס,
תמיד קאָן מען אים פאַרוויגן
אין דער מאַמעס שטילן שויס.

אַליע ליוליע, אַליע ליוליע —
ווי די זינד זאָל זיין נישט שווער,
אָפּוואַשן וועט תמיד קענען
זי דער מאַמעס ריינע טרער.

שלאָף, מיין טייערער, מיין ליבער,
מאַך די אויגן צו און רו!..
וואויל איז דעם וואָס האָט אַ מאַמען
אַליע־ליוליע־ליו...

ווילנע, 1910

א רגע רו

וי אויף פליגל וויגט מיך ווידער
זי די שטילע רגע רו.
מיינע ברעמען פאַלן נידער
און מיין נשמה טראָגט זיך וואו.
לייכטער ווערן מיינע גלידער
אויפן שטעג פון שטילער רו...
לייכטער ווערן מיינע גלידער
אויפן שטעג פון שטילער רו . . .

עמעץ זינגט באַקאַנטע לידער
מיט אַ נאָנטן ליבן קול,
און עס סודעט ווער פאַרטרוילעך
וואונדער־מעשיות פון אַמאָל.
ווי אַ וואַסער זומט עס פריילעך
אין אַ ווייסן מאַרמאָר שאָל,
ווי אַ יאָמער קלינגט עס גרוילעך
אין אַ טיפן ווּיסטן טאָל.
שאַרפער, שאַרפער ווערט מיין אויער
פאַר דעם ליב באַקאַנטן קול;
שאַרפער, שאַרפער ווערט מיין אויער
פאַר דעם ליב באַקאַנטן קול.

און איך קום אין לאַנד פון חלום
אין דעם שטילן יוגנט לאַנד, —
דאָרטן הענגט דער גאָלדענער עפּל
איבער דער גן־עדן־וואַנט;
דאָרטן שטראָמט דער קוואַל פון לעבן
אויף אַ דימענטענעם זאַמד,
און דאָס ציגעלע דאָס ווייסע
עסט דאָרט מאַנדלען פון מיין האַנט.
העלער ווערן מיינע אויגן
אין דעם שטילן חלום־לאַנד.
העלער ווערן מיינע אויגן
אין דעם שטילן חלום־לאַנד.

בערן, 1915.

לעגענדע

דערשראָקענע, שטילע, פּאַרטוליעט אין שאָטנס,
פּאַרטיפטע אין זיך, אין דער אייגענער שוואַרצקייט,
צעציען זיך רייען פון פינצטערע הייזער
און בילדן אַ גאַס נאָך אַ גאַס.
און טיף אין די גאַסן אויף פייכט־קאַלטע שטיינער
מיט באָרוועסע פיס און צעריסענע קליידער,

גייט אומעט אַ הויכער, אַ בלאַסער, אַ דאַרער
מיט אָפענע בלינדע פאַרצויגענע אויגן
און זוכט עפּעס שטיל מיט צעצויגענע פינגער,
און זוכט אָן אָן אויפהער, און זוכט...
און ווייט, ביי דעם ברעג פון די הונדערטער גאַסן,
שטייט איינזאַם אַ קליינע, פאַרלאָזענע חורבה —
די טיר מיט די פענצטער פאַרשלאָגן מיט ברעטער,
פון וועלכע עס קוקט דורך די שפּאַלטן אַרויס
צו די גאַסן אַ געהיימניס אַ שטומע:
בייטאָג מיט אַ פינצטערן בליק פון אַ שאַרבן
ביינאַכט מיט אַ בייזן, אַ רויטלעכן אָפּשיין,
אַזוי ווי דער שיין פון אַ שרפה אַ ווייטע
וואָס ציטערט ביים ברעג האָריזאָנט.

און ווען אויפן טורעם וואָס טונקט זיך אין הימל
שלאָגט צוועלף און דער שיין פון די שטערן ווערט העלער,
גייט צו דאָן דער הויכער, דער בלינדער צו דער חורבה
מיט ליפּן געפּרעסטע פון צער,
און קלאַפּט אין די קליינע, פאַרשלאָגענע פענצטער,
און רופט דאָרטן עמעץ, און בעט דאָרט וועמען,
און זוכט אין זיין אייגענעם עכאָ אָן ענטפער.
נאָר ס'ענטפערט אים קיינער פון דאָרטן...
אַ שטומע, ווי פריער, בלייבט איינזאַם די חורבה,
פאַרשלאָגן, פאַרוויקלט אין נאַכטיקע שאָטנס,
באַהאַלטנדיק טיף דאָס געהיימניס וואָס קוקט
דורך די פינצטערע שפּאַלטן אַרויס...

אזן ווי עס ווערט ליכטיק, דאָן ווערט פון דעם הויכן
אַ קליינעס, אַ שוואַכעס, אַ זעעוודיק מענטשל
וואָס וואַנדערט אַרום מיט אַ פּעקעלע סחורה
און האַנדלט און קויפט און פאַרקויפט.
נאָר ווי עס ווערט פינצטער און פוסט אין די גאַסן,
דאָן וואַקסט ער אויס ווידער אַ הויכער, אַ בלאַסער,
מיט אָפענע בלינדע, פאַרצויגענע אויגן
און זוכט עפּעס שטיל מיט צעצויגענע פינגער,
און זוכט אָן אָן אויפהער און זוכט...

וואָלקאָוויסק, 1908.

* * *

דאָס זיינען, טייערע, די זיידגעוועבטע,
די ווייסע העמדלעך, מיט בלוט באַפלעקט;
די שטילע מעשיות פון מיין בלאָסער מאַמען
וואָס האָבן תמיד מיך פון שלאָף געוועקט.

זיי פלעגן מחנותווייז אַרום מיין וויגל
באַוואַכן, שוועבנדיק אין שטיל געוויין;
און פאָכנדיק מיט איר פאַרבלוטיקט פליגל,
צוקאָפּנס פלעגט ביי מיר די שכינה שטיין.

אין לאַנגע ווינטערנעכט, אין גרויסן שווייגן,
בשעת עס יאָמערט נאָר דער ווינט אין גאַס,
אין נעכט פון פרילינג, ווען די יונגע צווייגן
דערציילן, וויגן זיך, פון טויען נאַס —

ווי זומערפייגעלעך פון אַלע פאַרבן
באַפאַלן אָוונטצייט אַרום אַ ליכט,
געסודעט האָבן זיי: „נישט לאָז אונדז שטאַרבן!"
און שטיל געטוליעט זיך צו מיין געזיכט.

דער מאַמעס מעשהלעך, דער קלאַנג פון קלויסטער,
דאָס יאָרצייט־פלעמל אין דער אַלטער שול,
די אַלע עדות פון מיליאָנען לעבנס —
מיט גייסטער פלעגן זיי מיך מאַכן פול.

אין בין־השמשות־צייט, ווען מתים וואַכן
און קליינע קינדער הערן פרעמדע טריט
און טירן נעמען זיך אַליין פאַרמאַכן —
באַפאַלן פלעגן זיי דאָן מיין געמיט.

ווילנע, 1910



עלילת דם

נאַכט, און שטערן, און דאָס רוישן
פון אַ ווייטן קוואַל אויף שטיינער;
גרינע ווענט פון בלעטער פייכטע,
און דעם ווינטלס טריט די לייכטע
אויף די שפּיצן פון די ביימער...
אַ געשלענגלט וועג אַ זאַמדיקער
צו אַ טיר מיט מעש באַשלאָגן;
איבער איר אַ בילד אַ הייליקס
קוים באַלויכטן מיט אַ לעמפּל
אין דעם שאָטן פון אַ גרויסן
און אַן אַלטן, גרויען טעמפּל.

נאַכט און שטערן, אין דעם שוואַרצן
אָפּגרונט פון די אַלטע דעמבעס
פינקלען אויף אין טוי פון אָוונט
בלעטער גרינע, רויט באַזוימטע.
ביי אַ פאַקלגלאַנץ אַ ווייטן,

אין אַ ווינקל שטיל באַהאַלטן
סודן זיך אין פרילינגס שווייגן
אַ מאָנאָך און צוויי געשטאַלטן...
— אַלץ איז צוגעגרייט ?
— דער בעכער
מיט דעם בלוט איז דאָרטן, פּאַטער...
— נאָר געדענקט... דער קלענסטער פעלער !..
— זאָל דער פייכטער קלויסטער קעלער
אונדז פאַרשלינגען, אויב מיר וועלן...
— מאָרגן, ווען דער גלאָק וועט קלינגען ?
— זייט געזיכערט אויף די מענטשן...
בענטש אונדז, פּאַטער !
— גייט אין פרידן ! —
אייך וועט שוין דער הימל בענטשן.
אויסגעלאָשן איז דער פאַקל...
ווידער שאָטנס, ווידער שטערן
אין דעם פייכטן גראָז דעם ווייכן
קען מען קוים די טריט דערהערן.

* * *

די זון איז שוין אונטערגעגאַנגען,
עס צאַנקט נאָך אין מערב איר שיין,
באַגלייט פון דריי גאָלדענע שטערן,
איז רואיק דער יום־טוב אַריין.
עס לייכטן די פענצטער אין געסל,
די טישן זיי שטייען געגרייט ;
און שטיל אין דעם קלויסטער דעם אַלטן
באַהאַלט זיך און לויערט דער טויט.

די נאַכט קומט אַלץ נענטער און נענטער.
עס ברענען די הייליקע ליכט.
אין יעטווידער שטוב שטייט אַ מאַמע,
פאַרדעקט מיט די הענט איר געזיכט.
עס רינען פאַרלאָזענע טרערן
און ווערן אין געסל צעשפּרייט,

און שטיל אינעם קלויסטער דעם אַלטן
באַהאַלט זיך און לויערט דער טויט.

די טרערן זיי ווערן פאַרשוואונדן,
דער בעכער איז, דוכט זיך, שוין פול;
עס שטייען די קינדער און וואַרטן,
דער טאַטע זאָל קומען פון שול.
די פּנימלעך לייכטן פון שמחה —
אין בגדים אין נייע געקליידט —
און שטיל אין דעם קלויסטער דעם אַלטן
באַהאַלטן זיך און לויערט דער טויט.

פון שניי איז נאָך ווייסער דער טישטעך,
עס ווינקט פון די כוסות דער ווײַן;
עס דוכט זיך, אַז אייביק, אַז אייביק
וועט רואיק און ליכטיק דאָ זיין;
עס דוכט זיך, אַז אַלץ איז פאַרגעסן,
פאַרשוואונדן די אייביקע לייד...
נאָר שטיל אין דעם קלויסטער דעם אַלטן
באַהאַלט זיך און לויערט דער טויט.

אָט גנבעט זיך איצטער פון דאָרטן
אַ מענטשל מיט איילִיקע טריט,
באַהאַלטן צווישן די ביימער,
פון אויגן פון פרעמדע געהיט.
אָט קומט ער שוין נענטער צום געטאָ,
עס הערט זיך פון קלויסטער אַ קלאַנג...
דער טויט האָט פאַרלאָזן זיין ווינקל
און גנבעט זיך שטיל, ווי אַ שלאַנג...

* * *

פול די שול, די לייכטער ברענען,
אין די פענצטער קוקט די נאַכט.
עס שטייט דער עולם שמונה־עשרה
און האַלט די אויגן צוגעמאַכט...

עס ציטערט יעדערן אין הארצן
אַ שטראַל פון פרייד און שטילער רו.
פאַרטיפט איז יעדער אין זיין תפילה
און זעט ניט ווי די שרעק קומט צו.

עס זעט ניט קיינער, ווי באַהאַלטן
אַן אורח איז אין שול אַריין
און אין אַ ווינקל, ווי אַ גנב,
פאַרשטעלט, פאַרדעקט זיך פון דער שיין;
ווי שלעכט עס פינקלען זיינע אויגן,
ווי בייז עס שלענגלט זיך אַרום
די ליפּן שטיל אַ לייכטער שמייכל
און ווערט פאַרשוואונדן נאָכדעם שטום.
אַט ענדיקט זיך שוין באַלד די תפילה,
עס וואַרט דער חזן אויפן רב
וואָס שטייט אין מזרח, ווי פאַרגליווערט,
גלייך ווי פאַרזונקען אין אַ שלאָף.
נאָר צייטנווייז לויפט דורך אַ ציטער
זיין שוואַרצע קאַפּאָטע פון זייד
און ס'רינט אַ טרער אויף זיינע באַקן
וואָס זיינען ווייסער נאָך פון קרייד.

עס שטייט דער רב און זעט ניט קיינעם,
באַהערשט האָט אים אַ שלאָף געהיים,
און שטיל צעשפּרייט פאָר זיינע אויגן
האָט זיך אַ מוראַדיקער טרוים.
ער זעט: די שול, זי שטייט אין פלאַמען
און פול מיט יידן ביזן טיר,
און קיינער קאָן קיין וועג געפינען,
אום זיך צו ראַטעווען פון איר...
עס רופן שרעקלעכע געשרייען...
אַט זעט ער, ווי דער דאַך ער פאַלט.
נאָר פּלוצלונג האָט אַ שטראַל אַ ווייסער
די אויגן זיינע ווי באַשטראַלט
און צו זיין אויער איז דערגאַנגען
אַ קול וואָס האָט אים שטיל געזאָגט:
— עס דרעמלט ניט און שלאָפט דער היטער

פון די וואָס זיינען דאָ פאַריאָגט. —
און אויפגעמאַכט האָט ער די אויגן.
און פּלוצלונג!.. גרויסער גאָט!.. אָ, גאָט!..
פון גאָס דערנענטערט זיך אַ טומל,
אַ שרעק פאַלט אויפן עולם אָן.
עס קומט אַלץ נענטער צו אַ בייזער קלאַנג פון שווערדן
און שווערע טריט... אַ היכער קלויסטערשער געזאַנג...
עס ברעכט זיך אויף די טיר... אַ מחנה שוואַרצע מאַסקעס,
פאַרויס אַ גלח מיט אַ צלם אין דער האַנט...
דערשראָקן שיינט דאָס ליכט אין שפּיגל פון די קאַסקעס;
עס וואַרפט אַ בייזן גלאַנץ דאָס בלאַנקע מעש פון זיי...
אַ שטיל־פאַרשטיקטער „אוי" —
פאַרגליווערטע געזיכטער...
עס לעשן זיך די ליכט;
דער שאָטן ווערט געדיכטער...
דער גלח נענט זיך מיט פעסטע טריט אַהין,
וואו ס'שטייט דער אָרון־קודש, שטאָלץ פאַרהילט אין סודות.
און פּלוצלונג שניידט די שטילקייט דורך אַ פרעכע שטים...
עס וואַקסט לעם גלח אויס דער איינגעהילטער אורח,
עס ציט זיך צום פּרכת אויס אַ דאַרע האַנט,
אַזוי ווי זי וואָלט גרייט געווען צו זאָגן עדות.
און ס'קלינגען־דורך די ווערטער שאַרף, מיט האַס:
— אָט דאָרטן, דאָרטן שטייט דער בעכער מיט דעם בלוט...

שאַ... ס'רירט זיך דער פּרכת אויפן אָרון;
עס מורמלט יעדערער אַ תפילה פאַר זיך שטיל:
אָ, גרויסער גאָט... ניט לאָז אונדז גיין פאַרלאָרן...
וועמעס האַנט — אָ, וואונדער! — עפנט ביידע טירן?
וועמעס ליכט באַלייכט די ספרי־תורות דאָרט?
עס שטייט דער עולם, ווי פאַרגליווערט פון דעם וואונדער...
קיינער וואָגט זיך ניט צו רירן פון זיין אָרט.

לאַנגזאַם, לאַנגזאַם מאַכן אויף זיך ביידע טירלעך פון דעם אָרון.
ווי די טויערן, וואָס פירן אין דער אייביקייט אַריין,
און אין אויסבעט פון די שאַטנס, וואו די ספרי־תורות רוען,

פלאַמט אַ ליכטל אויף אַ קליינס און צעשפּרייט אַ געלן שיין,
פלאַמט אַ ליכטל אויף אַ קליינס
לעבן בעכער פול מיט בלוט,
ציטערט אין זיין רויטן שפּיגל,
אויף אַ רגע נישט גערוט;
ציטערט, ציטערט, ציטערט, ציטערט...
און פון בימה הייבט זיך אויף,
ווי אַ זייל, אַ ייד אַן אַלטער
און צום אָרון שטייגט ער אויף, —
ד'באָרד, ווי זילבער ווייס און זויבער,
ווי אַ שטראַל איז יעדע האָר,
און די אויגן פול מיט צויבער,
און דער שטערן הויך און קלאָר;
איינגעוויקלט אין אַ קיטל
מיט אַ פעלגורט אויף די לענדן...
אָ, דאָס איז דער אַלטער נביא
פון די הייליקע לעגענדן...
אָטאָ נעמט ער אָן דעם בעכער,
הייבט אים העכער, העכער, העכער...
מאַכט אַ ברכה אויף דאָס בלוט...
און דאָס בלוט הייבט אָן צו זידן...
ווערט אין קלאָרן ווייַן פאַרביטן,
און דער ווייַן הייבט אָן צו פינקלען
אין פאַרשיידענע קאָלירן,
און ווי דורך אַ בליץ דערשלאָגן,
פאַלט דער אורח קעגן אָרון,
און דער גאַנצער צויבער, פלוצלונג,
ווערט אין שיין פון ליכט פאַרלאָרן.

***

מענטשן פיר . . . אַ טראָגבעטל אַ שוואַרצס,
אויף אים אַ מת, פאַרוויקלט אין אַ טוך...
אַ נאַכט פון אומרו אָטעמט אויפן שולהויף,
עס ציט דעם אָטעם עמעץ שווער אין אים.
עס טראָגט זיך דורך אַ פלוך . . .
דער קלויסטער וואָס ניט ווייט הייבט לאַנגזאַם אָן צו קלינגען.

דאָס טראָגבעטל גייט אָפּ און נעענט זיך צו אים.
עס מאַכט זיך אויף אַ טיר, עס צינדט זיך אָן אַ פענצטער,
אַנטקעגן עפנט זיך אַ צווייטע טיר געהיים.
עס פרעגט אַ שטים:
— דאָס האָט מען אים געטראָגן?
עס ענטפערט ווער: „פאַרשאָלטן זאָל ער זיין"!

ווילנע, 1910

דריי רויטע ליליעס

טירן רירן זיך און קלאַפּן...
עמעץ הויבט אַרויף דעם פּאָרהאַנג..
שטילע קלאַנגען פון אַ ציטר,
טריט און לייכטע זייד באַרירונג...
ס׳ליגט און הערט דער יונגער ריטער
ציילט די טריט מיט שטילן ציטער...
— העי, איר היטער, צינדט די פאַקלען! —
האָט ער פּלוצלונג אויסגערופן:
— הער איך גייסטער אין מיין פּאַלאַץ,
אָדער איז דאָס אַ פאַרפירונג? —

איינזאַם האָט דעם ריטערס שטימע
דורכגעקלונגען אַלע זאַלן,
און די טריט, זיי זיינען נענטער
לייכטער, ריטמישער געוואָרן.
— ווער באַוועגט זיך? — האָט דער ריטער
נאָך אַמאָל געפרעגט מיט צאָרן:
ווער באַוועגט זיך? —
און זיין שטימע
איז אין פינצטערניש פאַרלאָרן.
— איך, — האָט עמעץ אים געענטפערט
און באַרירט זיין קאַלטן שטערן.
— איך, דיין כלה פון וואָרמייזע,

פון דיין שווערד און קרייץ גענומען.
פילסט? אַט פליסט מיין וואַרעם בלוט נאָך
און אַט רינען מיינע טרערן;
פון דעם יידישן בית עולם
בין איך איצט צו דיר געקומען.
שרעק זיך נישט, מיין ליבער חתן,
זעסט, אַט האָב איך פון די טויטע
פאַר דער הייליקער מאַדאָנע
בלומען דריי געבראַכט דיר רויטע.
זעסט. — און שטראַלן בלאַסע, קאַלטע
האָבן פלוצלונג זיך צעגאָסן,
און אין זיי האָט שטיל געשוואומען
אַ געשטאַלט, די האָר צעפלאָסן.
זאָג, דערקענסט מיך? —
און מיט שוידער האָט דער ריטער
זיינע אויגן אויפגעריסן
און דערקענט... און פול מיט אימה
איינגעגראָבן זיך אין קישן.

יאָ, דאָס איז די ייִדיש׳ טאָכטער...
יאָ, דאָס איז די ייִדיש׳ טאָכטער,
וואָס ער האָט אין שטאָט וואַרמייזע
פון דער חתונה געפאַנגען,
פאַר דער חופּה און קדושין
זי געשענדעט און געשטאָכן,
און דערנאָך אויף חופּה שטאַנגען
איר געליבטן אויפגעהאַנגען.
יאָ, דאָס איז זי, יאָ, דאָס איז זי...
אירע האָר און אירע אויגן,
אין דער ברוסט אַ וואונד אַ טיפע
און דעם קינדיש׳ קאָפּ געבויגן.
אָטאָ שוועבט זי... קומט אַלץ נענטער
צו דעם ווינקל פון דעם צימער,
צו דעם בילד פון דער מאַדאָנע,
וועלכע זיצט אין טיפן קומער

מיט דריי ווייסע צאַרטע ליליעס
אין אַ הייליקלעכן שימער.

יאָ, דאָס איז זי, יאָ, דאָס איז זי...
און עס זעט דער יונגער ריטער
ווי די הייליקע מאַדאָנע
ציט די האַנט אויס מיט אַ ציטער,
גיט דעם מיידל אָפּ די ליליען,
נעמט ביי איר דריי בלומען רויטע
וואָס זיי לייכטן אין דער פינצטער
מיט אַ בלאַסע ליכט אַ טויטע.
יאָ, דאָס איז זי...
און אויף מאָרגן,
ווען די זון איז אויפגעגאַנגען,
האָט מיט שרעק דערזען דער ריטער,
ווען ער האָט געכומען קניען,
אין דער האַנט פון זיין מאַדאָנע
דריי בלוט־רויטע ליליעס גליען.

בערן, 1913.

די אנטלאָפּענע כלה

רואיק איז אין פּאַקט און ליכטיק.
אין דער גרויסער שטוב איז ציכטיק,
געלער זאַמד איז אויפן באָדן
און די טישן פול באַלאָדן
שטייען מיט די בעסטע עסנס:
ווייסע חלות, פלעשער ווײַנען,
שיסלען פיש און הינער פּעטע,
און די ליכט, ווי שטערן שײַנען.
נאָר מען זעט קיין געסט נישט דאָרטן.
רואיק בלאָזט דער ווינט פון גאָרטן,
וויגט די פאָרהאַנגען די ווייסע,
טראָגט אַריין די ווייטע קלאַנגען,
גלייך אַ קלאָגן, גלייך אַ שאַלן,
גלייך אַן עולם וואָלט געשריען:
אָ, די כלה איז פאַרפאַלן!

אין אַ ווינקל שטייט דער חתן,
האַלט אין האַנט זיין ליכט פאַרלאָשן;
בלאַס און איידל קוקט זיין פּנים
דורך די שוואַרץ געקרויזטע פאות;
טיף צום ברוסט דער קאָפּ געבויגן,
מיט אַ שרעק אין זיינע אויגן,
שטייט ער אינעם ווינקל חדר,

און די אַטלאַסענע קלײדער
גיבן איבער שטיל דעם שוידער
פון זײן שלאַנקן דאַרן קערפּער,
װעלכער ציטערט בײַ די שאַלן:
„גאָט, די כּלה איז פאַרפאַלן".

אײנער איז ער דאָ געבליבן
אין אַ װינקל, װי פאַרטריבן
אַלע זײנען װאו פאַרשװאונדן,
גלײך אַ װינט װאָלט זײ צעטראָגן —
װער אין הויף און װער אין שטעטל,
װער צום רבֿ און װער צום פּריץ,
װער עס האָט געלאָזט זיך יאָגן
צו דעם װאַלד מיט װילדן קלאָגן,
מיט געשרײען און מיט שאַלן:
— גװאַלד, די כּלה איז פאַרפאַלן!

לאַנגזאַם ציען זיך די שאָטן
פון די טונקעלע קאַשטאַנען,
און מיט זײ צוזאַמען קומען
אַלע געסט און מחותּנים.
— זאָגט פון װאַנען? זאָגט פון װאַנען? —
פרעגט זיך אײנער בײַ דעם צװײטן.
— איך פון שטעטל — איך פון פּריץ —
און איך קום פון װעג פון ברײטן,
אומעטום געזוכט, געפרעגט זיך
און קײן אײנציק שפּור געפונען.
— און דער פּריץ? — זײן בן־יחיד
איז אויך הײַנט פון הויף אַנטרונען,
אויף דעם װײַסן פערד אַנטלאָפן
איז ער גלײַך מיטן באַגינען.
— און דער פּריץ?.. שמײכלט רואיק,
זאָגט, ער װעט אים שוין געפינען.

שטיל פאַרצװײפלט שטײען אַלע.

ס׳קלאַגט די מאַמע פון דער כלה
און דער טאַטע רייסט זיך קריעה.
מ׳שפּאַנט די פערד שוין איין אין וואָגן,
ס׳לייגט דער שמש אויף די חופּה
און דער חתן ווי דערשלאָגן
שלייכט מיט מידע טריט צום וואָגן.
טויט פאַרגליווערט איז זיין פּנים,
ס׳רינגלען אים די מחותנים,
ס׳קנאַקט די בייטש, עס רזישן רעדער,
ס׳יאָגט אַ שטויב. און פון די סעדער
וואָס רינגלט אום דעם פּאַקט, טוט שאַלן
און יאָמערן אַ פרויען־שטימע:
— ווייַ, די כלה איז פאַרפאַלן! —

די נאַכט פאַלט צו מיט קילע טויען;
פון וואַלד גייט אויף אַ האַלב׳ לבנה;
ס׳בלייכן שטיל די וייטע שטרעקעס,
פאַרהילט אין טונקל גרינע דעקעס.
די פערד, זיי שלעפּן זיך פאַרשלאָפן.
עס דרעמלען אַלע מחותנים.
דער חתן זיצט — די אויגן אָפן,
מיט טרערן איינזאַמע פאַרלאָפן —
עס חלומט זיך אים אַלץ די כלה:
צוויי שוואַרצע צעפּ און פייער־אויגן
און איבער זיי אַ קלאָרער שטערן,
געשטיצט אויף שוואַרצע ברעמען־בויגן;
די ווינקלען נאָז צונויפגעבלאָזן,
דעם שלאַנקן קאָפּ אַראָפּגעלאָזן
מיט עפּעס אַ געהיימען שמייכל
באַהאַלטן אין די פולע ליפּן
וואָס קאָנען הייס און זינדיק קושן
און הייליק פליסטערן אין הכל.
— מיין זינדיק — הייליקע, געטרייע...
און פלוצלונג... שאַ... צוויי רייטער פרייע
דעם וואָגן יאָגן נאָך פון הינטן.

עס הילכט דאָס וועלדל זיי אַנטקעגן,
עס בויגט דאָס גראָז זיך ביי די ברעגן,
גלייך ווי עס וואָלטן זיך געטראָגן
צוויי לייכטע ווינטן אויף די וועגן.
— ווער איז דאָס, ווער? אָ, גאָט אין הימל! —
דער חתן כאַפּט זיך אויף פון דרימל
און זעט פאַר זיך צוויי שלאַנקע רייטער:
דער ערשטער איז דער יונגער פּריץ
און גלייך לעם אים אַ ביסל ווייטער
אַ שלאַנקע פרוי... אַ בליק... אַ שמייכל...
— אָ, גאָט, דאָס איז, דאָס איז מיין כלה... —
עס שפּרינגען אויף פון וואָגן אַלע.
אַ ווילדער קרעכץ... אַ פרעך געלעכטער...
— פאַרפלוכטע פון ישראלס טעכטער,
אַ קללה דיר פון אַלע יידן!
— דאָבראָ נאָץ, זשידזשי!
— גריסט די מאַמען!..
און פּלוצלונג אויפגעמישט צוזאַמען
האָט זיך אַ לאַכן און אַ קלאָגן
און נאָכדעם שטיל פאַרשטומט געוואָרן.
נאָר מער נישט פון דעם חתנס וואָגן
האָט זיך אַ שטימע נאָך געטראָגן,
געוויגט זיך אין די בלאַסע שטראַלן
— אָ, גאָט, מיין כלה איז פאַרפאַלן!..

בערן, 1913.

קיניגין מרים

עס בלייכן ביים ווייכן געשימער פון שטערן
די מאַרמאָרנע זיילן פון הורדוס פּאַלאַצן.
עס שלאָפן די טורעמס, עס לאָזט זיך נישט הערן
קיין קול פון טראָמפּייטן, קיין אָפּהילך פון טאַצן.

די פּאַלמען, זיי שטייען פאַרגליווערט און שלאַנקע.
די בלומען, זיי שלאָפן מיט בעכערס פאַרמאַכטע.
די מירטן, זיי וויגן זיך לאַנגזאַם, ווי קראַנקע
און דורשטן נאָך טויען מיט בלעטלעך פאַרשמאַכטע

פאַרשטומט איז די נאַכט אין אַ שלאָף אין אַ הייסן.
עס הערט זיך קיין ריר. נאָר פון קיניגס טעראַסע
צעטראָגן זיך האַסטיקע טריט און צעשפּרייטן
אַן אומרו צווישן די זיילן, די בלאַסע.

עס ווייזט זיך אַ שאָטן מיט פלאַמיקע אויגן.
עס שוועבט פאַר די זיילן דער מאַנטל פון קיניג.
עס סודעט איין שומר צום צווייטן: „גיב אַכטונג,
דער קיניג איז ווידער איר גייסט אונטערטעניק"...

— „גיב אַכטונג"! און פלוצלונג צעשניטן די לופט האָט
אַ שטימע פולליידן, פול אַנגסטן, פול שרעקן:
— מיין מרים, מיין מרים, מיין מרים, וואו ביסטו?
העי, שומרים, גייט גיכער די קיניגין וועקן!

גייט גיכער, גייט גיכער אין שלאָפצימער רוט זי
און גאַרט נאָך איר קיניג און וואַרט אויף זיין קומען.

גרייט גיכער די טישן, פילט אָנעט די קרוגן
צעשפּרייט אויפן באָדן די דופּטיקסטע בלומען!״

מיין מרים!.. און אויפגעכאַפּט האָט זיך דער פּאַלאַץ,
מיט פּאַקלען פאַרפולט איז דער גאָרטן געוואָרן.
„מיין מרים״ געהילכט האָט אין יעטווידער ווינקל,
און ווייט אין דער נאַכט מיטן עכאָ פאַרלאָרן.

— מיין מרים! מיין מרים!..
אומזיסט אָבער האָבן די דינער געשריען,
אומזיסט האָט דער קיניג געוואַרט אויף די שטופן
פון מירמל טעראַסע און פול מיט חרטה:
— מיין מרים! מיין מרים! מיין מרים! — גערופן!

די פּאַלמע נאָר האָט אים געענטפערט: — מיין מרים
און ס'האָבן געקלאָגט זיך אין גאָרטן די קוואַלן;
מיין מרים! געזיפצט האָבן פאַר זיך די ליליען
און לאַנגזאַם געשמאַכט אין די בלוילעכע שטראַלן.

בערן, 1913.

צו באַדעקנס

צוויי שוואַרצע צעפּ פון צאַרטן זייד,
צוויי שוואַרצע צעפּ פון צאַרטן זייד,
פאַרפלאָכטן איז מיין גליק אין זיי;
דו ווילסט מיין טויט, טאָ נעם און שנייד.
צוויי שוואַרצע צעפּ פון צאַרטן זייד.
אָ, מאַמעשי, צו פילסטו דען מיין וויי? —
עס שניידט די קאַלטע שער און שניידט,
די כלהס פּנים בלייכט, ווי קרייד,
זי בייסט די ליפּ ביז בלוט:
— אָ, מאַמעשי, רחמנות האָב;
דו שנייד דעם קאָפּ מיר בעסער אָפּ,
דאַן וועט מיר גוט זיין, גוט.

קאַפּעליע שפּילט... עס קומט דער רב:
— נו, מזל־טוב, נו, מזל־טוב,
דער כלה צו באַדעקן.
עס זומט אַן אומעטיקער שפּיל,
די כלה זיצט און שווידערט שטיל,
גלייך ווי עס וואָלט זי שרעקן.

— זיי גרייט, מיין טאָכטערשי, זיי גרייט.
— אָ, מאַמעשי, איך פיל דעם טויט,
ער וועט מיך היינט באַפרייען.

צינד אָן לעם מיר אַ יאָרצייט־ליכט
און דעק נישט אָפּ מיין בלאַס געזיכט
און זאָג נישט אויס מיין טרייען.
געדענק, אויב מאָרגן קומט צו דיר
מיין ליבסטער און ער פרעגט אויף מיר,
דאַן זאָג, איך בין אַ ווייבל,
איך בין דעם רבס אַ שנור און האָב
אַ הוילן קאָפּ, אַ הוילן קאָפּ
און טראָג אַ ווייסע הייבל.

דער חתן גייט, דער חתן גייט,
די מאַמע שווייגט, די מאַמע שטייט
און ציטערט, ווי אין פיבער.
זי ווייסט דעם טאָכטערס צער, זי ווייסט;
איר מוטערס האַרץ האָט נאָר איין טרייסט —
עס ועט, ווי איר, פאַריבער.

בערן, 1913.

IV



דער בלאָסער בת־מלכה

דער בלאָסער בת־מלכה, נאָך וועלכער איך בענק
און ווועל זי נישט קיינמאָל געפינען,
פאַר דער וואָס איך פלעג אין די פינצטערע נעכט
די האַרציקסטע מעשהלעך שפינען.

נאָך דער וואָס איך גאָר אין די ליכטיקע טעג
און זוך אין די ראָזע פאַרנאַכטן,
דער יונגער פרינצעסין וואָס וואוינט ערגעץ וואו,
ערגעץ וואו אין אַ שלאָס אַ פאַרמאַכטן.

וואָלקאָוויסק, 1907.



פ אָ ר ג ע פ י ל

עס איז אונדזער ליבע, מיין ליבסטע,
געקומען ביינאַכט מיר צו חלום,
געקליידט אין שוואַרצן, אַ שטאָלצע
און בלאַס איז געוועזן איר פּנים.

אַ קראַנץ פון פאַרטריקנטע בלעטער
באַדעקט האָט איר קלאָר־ווייסן שטערן
און ס׳האָבן באַצירט אירע ברעמען
צוויי ריינע קרישטאָלענע טרערן.

מיט ליפּן, פון ווייטיק געדריקטע,
האָט זי איבער מיר זיך געבויגן
און איבער איר קאָפּ איז דער טרויער,
ווי אַ קראָע אַ שוואַרצע, געפלויגן.

וואָלקאָוויסק, 1906.

אָ, זיי, מיין געליבטע, אַ צאַרטע לעגענדע

אָ, זיי, מיין געליבטע, אַ צאַרטע לעגענדע,
פאַרכישוף מיין האַרץ מיט אַ טרוימענדן בליק.
זיי ווייט און געהיים, און פאַרחלומט, אַזוי ווי
אין פרילינגסנעכט ווייסע די ברעגעס פון הימל
וואָס ציען מיך, גלייך ווי זיי וואָלטן באַהאַלטן
אין בלוילעכן שלייער אַ גאָלדענעם גליק.

פאַרהיל מיך אין נעפל פון בליענדע לאָנקעס,
באַהאַלט זיך אין שאָטן פון רוישיקן וואַלד,
און ווינק מיר פון הימל מיט פינקלענדע שטערן,
און בלאָנדזשע באַהאַלטן צווישן די זאַנגען,
און זינג מיט די קוואַלן מיר שטילע געזאַנגען
און סודע מיר צאַרט דורך די שלאָפיקע גראָזן,
און זאָל זיך, מיט בלוילעכע שטראַלן באַגאָסן,
פון ווייטן מיר ווייזן דיין שלאַנקע געשטאַלט.

וואָלקאָוויסק, 1907.



דערווארטונג

געפאַלן איז אויף מיר
אַ שאָטן פון דיין קלייד,
אַ לייכטער זיידן שאָרך
האָט אויפגעדריקט מיין האַרץ.
איך שטיי אַליין און האָרך,
מיין זעל גייט אויס פון פרייד
און עמעץ סודעט מיר:
זי גייט, זי גייט, זי גייט!..

אָט הער איך דיינע טריט,
אָט דוכט מיר, דיינס אַ האַנט
באַרירט מיין ברעם און גלעט,
און מאַכט דאָס אויג מיר צו;
איך הער דיין צאַרטע שטים,
זי זינגט, זי קושט, זי רעדט
און טיף און טיף אין מיר
וואַקסט אויס אַ שטיל געבעט...

ווילנע, 1911.

איך ווייס...

איך ווייס, אַז דו וועסט שוין צו מיר מער נישט קומען —
און אפשר ביסטו ביי מיר קיינמאָל געווען, —
דאָס האָט נאָר דער פרילינג באַשאָטן מיט בלומען
מיין גאָרטן
און איך האָב דיין בילד דאָרט געזען.

דער קאָרשנבוים האָט זיך פאַרוויקלט אין ווייסן,
דעם בעזבוים באַדעקט האָט אַ דופטיקער שניי
און איך בין געגאַנגען די שניי־בלומען רייסן
פאַרנאַכט —
און געפונען דיין שאָטן אין זיי.

אַ קוועלכל אַ קליינס האָט געשטראָמט אין מיין גאָרטן,
אַ ווערבע געהיט האָט זיין קלאָרן קרישטאָל,
ביים שיין פון לבנה אַוועק בין איך דאָרטן
ביים ברעג —
און דערהערט, ווי אין חלום דיין קול.

איך ווייס, אַז דו וועסט שוין צו מיר מער נישט קומען, —
און אפשר ביסטו ביי מיר קיינמאָל געווען, —
דאָס האָט נאָר דער פרילינג באַשאָטן מיט בלומען
מיין גאָרטן
און איך האָב דיין בילד דאָרט געזען.

וואָלקאָוויסק, 1909.



לעצטע גריסן

ווי ווייט דו זאָלסט ניט זיין, וועל איך דיר שיקן גריסן.
דו ביסט די לעצטע וואָס דערמאָנט מיך אָן אַ היים.
און אויסער דיר וויל קיינער מיך נישט וויסן,
און אויסער דיר דערמאָנט מען מיך דאָ קוים.

און זאָל איך וועלן דאָ אָן דיר אַ ווינקל האָבן,
און זאָל מיין קאָפּ, חוץ דיר, דאָ אויפזוכן אַ שויס, —
ווייס איך נישט, וואו מיין זיידע ליגט באַגראָבן,
ווייס איך נישט, וואו עס איז מיין טאַטנס הויז.

מיין וועג צוריק צום וויג איז פול מיט טיפע גריבער
און אָפּגעברענט איז שוין דעם זיידנס שול פון לאַנג.
און אויב איך בענק נאָך וואָס — איז עס צו דיר אַריבער.
און אויב איך זינג נאָך ווען — צו דיר איז מיין געזאַנג.

וואָלקאָוויסק, 1909.

אין וועג

צי ווייסט זי דען, וואו איך דערמאָן זי?
צי זעט זי אין איר חלום איצט
אַ שלאָפיקן וואָקזאַל אַ גרויסן,
אַ פוסטן פּאַלאַץ אין דער וועלט
און מיך לעם אים אַליין אין דרויסן,
איר נאָמען שטאָמלענדיק פון קעלט,
גלייך ווי אַן אָפּגעריסן בלעטל
וואָס טראָגט זיך, זוכנדיק זיין בוים,
גלייך ווי אַ וואַנדערער וואָס שטאָמלט
אין וועג דעם נאָמען פון זיין היים.
אָ, מאָרגענרויט פון וויטן מזרח,
דו דרינגסט דאָך אומעטום אַריין,
געפין דאָס פענצטער פון מיין ליבסטע
און ברענג מיין גרוס איר מיט דיין שיין.
און אויב זי שלאָפט — אַ ווייסער פאָרהאַנג
פאַרשטעלט איר פענצטערל געוויס —
דאַן ציטער אויף אין זיינע פאַלבן
און זאָל דער ציטער זיין מיין גרוס.
און אפשר איז זי וואָך? — איר באָבע
פלעגט אויכעט אויפשטיין מיט דיין ליכט
און פון אַן אַלטן קרבן־מנחה
צו גאָט אַ תפילה אָפּגעריכט.
און אפשר איז זי איצט מתפלל
צום טיפן טרויער וואָס אין מיר,
דאַן גליטש זיך דורך אירע לאָקן
און שטער די תפילה נישט אין איר.

וואָלקאָוויסק, 1909.

א חלום

אַ פֿרעמדע שטאָט, אַ נעץ פֿון גאַסן,
איך גיי און גיי און זוך אַ טיר
וואָס זאָל מיין שטילן קלאַפּ דערקענען
און זאָל זיך עפֿענען פֿאַר מיר.

איך גיי פֿון שטוב צו שטוב אַן ענדע,
ביי יעדער בלייבט די טיר פֿאַרמאַכט;
אַט קלאַפּ איך, דוכט זיך אין דער לעצטער
און בעט אַן אָפּרו אויף דער נאַכט.

איך שטיי און קלאַפּ, עס פֿאַלן שאָטנס,
עס ציִען וואָלקנס זיך אין הויך.
אַ, גאָט, די לעצטע טיר זי רירט זיך...
עס פֿרעגט אַ פֿרויענשטים מיר ווייך.

די טיר זי עפֿנט זיך אין גאַנצן,
עס הילט מיך איין אַ צאַרטעס ליכט,
עס שטייט אַנטקעגן מיין געליבטע,
אַ שמייכל שוועבט אויף איר געזיכט.

אין האַנט האַלט זי אַ ליכט, די צווייטע —
זי נעמט אַרום מיין מידן קאָפּ.
איך פֿאַל און קוש דעם שוועל דעם לעצטן
פֿון לעצטן ווינקל וואָס איך האָב.

ווילנע, 1910.

דו ביסט אַוועק

דו ביסט אַוועק, אַליין בין איך געבליבן,
נאָר נישט די ערשטע ביסטו אין מיין וועג,
נישט איינע וועט פאַרבייגיין מיך און ליבן
און זוכן וואו אַ רואיקערן ברעג.

אַ לייכט־טורעם בין איך וואָס שטייט פאַרוואָרפן
אויף אַ וויסטן אינדזל ערגעץ־וואו, —
עס קאָן מיין ליכט אין נאַכט קיין וועג נישט ווייזן
עס קאָן מיין ליכט דערציילן נאָר פון רו.

דו ביסט אַוועק, אַליין בין איך געבליבן.
נישט איינע וועט נאָך אָפּשטעלן מיין ליכט,
נישט איינע וועט נאָך קומען און פאַרלאָזן,
נישט איינער וועט באַגלייטן מיין געדיכט.

וואָלקאָוויסק, 1907.

וואַנדער-טרוימען

גערייט מיטן וואַנדערשטעקן דאָ שטיי איך
פאַרלאָזן. עס פרעגט מיך נישט קיינער, וואו גיי איך.
און גלייך, ווי אַ פויגל, וואָס ציט זיך צום דרום,
צעשפרייט איך צו דיר אין מיין בענקשאַפט דעם אָרעם
און רוף דיך באַהאַלטן ביי מיר אין מיין זינען;
צי וועל איך געפינען?

איך האָב דיינע טריט אויפן גראָז אויפן ווייכן
ביי מיר אין מיין גאָרטן גענומען אַלס צייכן;
וואָס ווייטער, וואָס ווייטער האָב איך זיי פאַרלוירן:
דאָ שלענגלט אַ טייכל, דאָ כוואַליעט דער קאָרן,
איך שטיי, ביז עס הייבן מיר טרערן אָן רינען.
צי וועל איך געפינען?

ווער ווייסט, וואו מיין אומענדלעך וועג וועט מיך פירן,
און בלאָנדזשענדיק קאָן איך דיין בילד נאָך פאַרלירן,
און קומענדיק ווען צו דיין שוועל שוין אַ מידער,
אַ קראַנקער, צו זוכן אַ רו פאַר די גלידער,
וועל איך פאַר אַ ווינקל, פאַר עסן דיר דינען,
נישט ווייסנדיק וועמען און בלייבן, און פרעגן:
צי וועל איך געפינען?

ווילנע, 1909.



גערוועץ און פאַרגאַנגען

ווי אומעטיק קאַלט
עס האָט די לבנה דעם נעפּל דורכשטראַלט!
עס האַלט מיך די האַרבסטיקע נאַכט אין די אָרעמס
און זויגט פון מיין קערפּער די וואַרעמקייט אויס.
ווי וואַרעם און היימלעך געווען איז דיין שויס,
געווען און פאַרשוואונדן . . .
פייערלעך האָבן אין טאָל זיך צעצונדן.
עס שוואַרצן זיך נאַקעט די צווייגן פון בוים.
דורך זיי קוקט די שטאָט, ווי אַ בלוילעכער טרוים:
די טורעמס — זיי הויבן זיך לופטיק צום הימל,
די מויערן טונקלען, ווי פינצטערע ווענט,
פאַרהילט אין אַ נאָסן, אַ גרוילעכן שימל.
עס קומען צו מיר די געמאָסטענע קלאַנגען —
דאָס שלאָגן די זייגערס דאָרט אונטן אין שטאָט:
„געווען און פאַרגאַנגען,
געווען און פאַרגאַנגען.“
זיי ציילן מיט יאוש, זיי ציילן מיט שפּאָט.

וואָס רוישט אַזוי הילפלאָז אַרום אויפן באָדן? —
דאָס זיינען די טרוקענע בלעטער פון האַרבסט.
עס האָבן זיי גאָלדענע רעגנס געבאָדן —
איצט ווייקט זיי אַ קאַלטער טויט־שטראַלנדער נעפּל —
אויך דו האָסט געשמעקט, ווי אַ צייטיקער עפּל —
איצט שרעקט מיך די טונקעלע שעה, ווען דו שטאַרבסט.

ווי אומעטיק קאַלט
עס האָט די לבנה דעם נעפּל דורכשטראַלט!
עס האַלט מיך די האַרבסטיקע נאַכט אין די אָרעמס
און זויגט פון מיין קערפּער די וואַרעמקייט אויס.
ווי וואַרעם און היימלעך געווען איז דיין שויס,
געווען און פאַרשוואונדן...

בערן, 1915

פון שוואַרצע נעכט אַ טרויער־צוג

פון שוואַרצע נעכט אַ טרויער־צוג
באַגלייט מיין זיין אָן דיר
דער לעצטער טראָפּן וויין פון קרוג,
די לעצטע פרייד
איז טויט
אָן דיר.
ווער איז מיר דאָ, ווער דאַרף מיך דאָ

חוץ דיר, געליבטע מיין?
די גאַנצע וועלט פאַרקויפט און קויפט,
די צייט זי לויפט
און גלייך מיט איר
פאַרשווינדסטו שטיל פון מיר
צום טויער פונעם טויט.

איין רגע נאָר וואָלט איך געוואָלט
אַ קוק געבן אויף דיר,
דערציילן דיר, ווי איך האָב האָלט,
ווי שטיל איך בענק נאָך דיר.
אַ דריק אין האַנט,
אַ גיכער בליק
פון אונטער דיינס אַ ברעם, —
מער דאַרף איך נישט, —
דאָס איז מיין גליק,
דער חלום פון מיין וויג.

פּאַריז, 1912.

איצט וויל איך נאָר מיין לעצטעס ליד דערזינגען

איצט וויל איך נאָר מיין לעצטעס ליד דערזינגען, —
די גאָלדענע בלום האָט שטיל אין בלוט פאַרבליט, —
איצט וויל איך נאָר מיין לעצטעס ליד דערזינגען,
אין שאָטנס האָט מיין שטערן זיך צעגליט.

אין שאָטנס האָט צעפינקלט זיך מיין שטערן, —
דריי סאָסנעס טוקן טיף אין אָוונט־בלוי —
אין שאָטנס האָט צעפינקלט זיך מיין שטערן
און אויסער מיר איז קיינער דאָ ניטאָ.

און אויסער מיר איז קיינער ניט געבליבן, —
די פעלדער שווייגן רחבותדיק און ברייט, —
און אויסער מיר איז קיינער ניט געבליבן,
ביים ראַנד פון וואַלד אַ קליינעס הייזל שטייט.

ביים ראַנד פון וואַלד מיט גאָט אַליין אַ הייזל —
אין פענצטער דאָרט האָט אויפגעגליט אַ ליכט —
ביים ראַנד פון וואַלד מיט גאָט אַליין אַ הייזל
און אין דעם פענצטער בלייכט דאָרט אַ געזיכט.

בין איך דאָס דאָרט? ביסטו? איז ער? צו אַלע
צוזאַמען דריי אין איין געזיכט פאַראייגט
בין איך? ביסטו? צי ער? צו האָבן אַלע
דעם זעלבן טרויער פאַר זיך אויסגעוויינט?

אַ גרויער טוי האָט צוגעדעקט די פליינען;
פון הימל פליסט אַ זילבערנער גענאָד.
איך גיי, איך גיי, מיר וועלן דריי פאַראייניקט
דאָרט אויסשווייגן צוזאַמען אונדזער סוד.

בערלין, 1923

די פרוי מיט פארשלייערטע אויגן

די פרוי מיט פאַרשלייערטע אויגן
האָט בלוי מיינע וועגן פאַרצויגן
און אַלע מיינע שאָטנס פאַרזאַמלט
אַרום אירע טונקעלע אויגן.

זי ווינקט מיר פון פינצטערע ראָגן,
פון טירן האַלב אָפן און שטאַמלט
מיר נאָך מיינע אייגענע ווערטער,
וואָס איך האָב זיי מורא צו זאָגן.

אין איינזאַמע האַרבסטיקע פאַרקן,
אויף אַלע פאַרלאָזענע ערטער,
קומט זי מיר אַנטקעגן געבויגן
מיט אירע פאַרשלייערטע אויגן.

אַנטלויף איך אין שענק אין אַ ווינקל,
דעם סם פון פאַרגעסן צו זויגן,
דאָן זיצט זי אַנטקעגן און שמייכלט
מיט אירע פאַרשלייערטע אויגן.

מיר שרעקט יענע רגע, די לעצטע,
ווען זי איבער מיר וועט זיך בויגן
און מיין אייגענעם סוד מיר אַנטפּלעקן
אין אירע פאַרשלייערטע אויגן.

בערלין, 1923

ווען דו וועסט אוועקגיין

ווען דו וועסט אַוועקגיין, תהלים וועל איך זאָגן.
פאַר דעם אַלטן ספר וועל איך זיך באַקלאָגן;
דאָרטן, וואו אַזוי פיל טרערן שטילע רינען
איינזאַם וועט מיין טרער אַ ווינקל אויך געפינען;
דאָרטן האָב איך קברים טייערע, געליבטע:
עס קוקן שטיל מיין מאַמעס אויגן די באַטריבטע,
און פון יעדער שורה פליסט צו מיר איר תפילה,
פול מיט טרייער ליבע, ווי אַ טרייסט אַ שטילע.
און פאַרנאַכט, אין שעה פון ווייכן, מילדן קומער,
צושליסן וועל איך די טיר ביי מיר אין צימער,
אויפמאַכן דעם ספר און מיט זיין אַלטן ניגון
וועל איך אין מיין האַרץ דעם טיפן צער פאַרוויגן.
און אין חלום וועט מיין טרוים־געליבטע קומען,
נישט אין ווילדע טענץ פאַרצירט מיט בונטע בלומען —
אין דער אַלטער שול, דאָרט וואו די ווייבער זיינען,
וועט אַ הייליק שטראַל איר בלאַס געזיכט באַשיינען.
דורך די פענצטער לייכטן וועלן מיר פון אויבן
אירע צאַרטע בליקן, פול מיט טיפן גלויבן.
קיינער וועט ניט זיין, נאָר איך מיט איר אינאיינעם,
אויפגעבונדן מיט אַ ווייטן טרוים אַ שיינעם,
וועלן מיר צוזאַמען, ווייט פון אַלע מענטשן
בעטן גאָט, ער זאָל די ליבע אונדזערע בענטשן.

ווילנע, 1910.



איך בייט די וואוינונגען

איך בייט די וואוינונגען און בייט די ערטער
און וואַנדער, האָפנדיק פון לאַנד צו לאַנד,
אַז טרעפן וועל איך נאָך אַמאָל מיין יוגנט
און שטאַרבן, קושנדיק איר צאַרטע האַנט.

עס שווימען טויזנטער פאַר מיר געזיכטער
אין גרויסן שטורעמדיקן מענטשן טאַנץ,
די שטילע האָפענונג — זי מאַכט מיך ניכטער,
די טיפע רואיקייט — זי מאַכט מיך גאַנץ.

עס ליגט די אייביקייט ביי מיר אין האַרצן
און וועבט די פעדים פון מיין אַלטן טרוים,
און טרייסט און ווינקט צו מיר מיט שטערן ווייטע
פון טיפן נעפּלדיקן לעבנס תהום.

איך ווייס, עס דרעמלען נאָך אין זיינע נעפּלען
די גרינע אינדזלען פונעם ווייטן גליק,
און ס׳לעבט אַן אויסלייזער פאַר אַלע מענטשן
וואָס וועט נאָך אומקערן מיין פרייד צוריק.

איך בייט די וואוינונגען און בייט די ערטער
און וואַנדער, האָפנדיק, פון לאַנד צו לאַנד,
אַז טרעפן וועל איך נאָך אַמאָל מיין יוגנט
און שטאַרבן, קושנדיק, איר צאַרטע האַנט.

פּאַריז, 1912.



ווידמונג

כ׳בין פֿאַרליבט אין דיר, מיין שטילע,
אין די טיפֿע, שוואַרצע אויגן,
וועלכע האָבן קילע שאָטנס
און לבנה־שיין געזויגן.

דיינע הענט, די צאַרטע פֿינגער —
נאָר פּאָר סטרונעס שטיל צוגלעטן
און פּאָר שבת־ליכט זיך רויטלען,
ווען די ליפּן ערנסט בעטן.

און די טריט וואָס שוועבן לאַנגזאַם,
גלייך זיי וואָלטן גיין באַגלייטן
ביי דעם טאַקט פֿון טרויער־טענער
שטיל אַ מיטה פֿון אַ טויטן.

טרויער־טענער, שטילע לידער
און אַ סוד פון ליכט און שאָטן,
ווייסע טרוימען פון אַ ליליע,
וועלכע ווערט דערנאָך צעטראָטן.

יאָ, איך ליב דיך, בלום פון טרויער
און דאָס ביסטו, מיין געליבטע,
ווי אַ מלכה שטאָלץ, און אויגן —
פון אַ שכינה אַ באַטריבטע.

בערן, 1913.

דאָס בלוט פון קדושים

דאָס בלוט פון קדושים פליסט אין מיינע אָדערן,
אַ טאָכטער פון מאַרטירער ביסטו, קינד.
מיר מוזן גיין אין וועלט און דאָרטן פאָדערן
גערעכטיקייט פאַר אַלץ וואָס לײדט אַצינד.

די רו לאָז אָפּ, מיין טייערע, אַן אַנדערן,
נישט אונדז געהערט פון שפּראָצונגען די פרייד,
דעם שטעקן נעם, מיין קינד, און לאָמיר וואַנדערן —
די וועלט איז ברייט און פול מיט טיפן לייד.

אונדז איז באַשערט דאָס וויסטעס פעלד צו אַקערן
פון מענטשלעך גייסט און מענטשלעכן געמיט,
מיט הייליק פלאַם דעם דאָרן סנה צעפלאַקערן,
נישט האָבנדיק די פרייד בשעת ער גליט.

די גאַנצע וועלט מיט דערנער־קרענץ באַקרוינענדיק,
אַליין, אַליין זיך בלוטן אונטער זיי;
די גאַנצע וועלט מיט ליבע גלאַנץ באַשיינענדיק,
פאַרגיין אַליין אין דעם גתשמני־ווי...

דערפאַר האָט גאָט, די גאַנצע וועלט באַשענקענדיק,
באַגנעדיקט אונדז מיט יענעם טיפן בליק,
וואָס קען אין תהום פון ליידן, זיך פאַרבענקענדיק,
דערזען דעם גלאַנץ פון וויטן, גרויסן גליק.

דאָס בלוט פון קדושים פליסט אין מיינע אָדערן,
אַ טאָכטער פון מאַרטירער ביסטו, קינד.
מיר מוזן גיין אין וועלט און דאָרטן פאָדערן
גערעכטיקייט פאַר אַלץ וואָס לײדט אַצינד.

בערן, 1913.



ווייסע פרילינגס־בליטן

ווייסע פרילינגס־בליטן
שיטן זיך און שיטן.
גלייך ווי דיינע טרוימען,
וועט מען זיי ניט היטן;
גלייך ווי דיינע טרוימען,
וועט מען זיי צעטרעטן;
איינציקע נאָר אפשר
וועט מיין ליבע רעטן;
איינציקע נאָר אפשר
וועט מיין ליד געפינען
און מיט רוימען צאַרטע,
ליבסטע, דיך באַשפּינען.

בערן, 1914.

אויף די שטילע וועגן

אויף די שטילע וועגן
האָט געשפּרייט אַ רעגן.
אויף די שטילע וועגן,
וואו מירביידע גייען,
בליען די קאַשטאַנען,
שמעקן די אַקאַציען,
אָטעמען מיט אָוונט —
פרישקייט די אַלייען.

אויף די שטילע וועגן
נויגן זיך די צווייגן,
קאַפּען גרויסע טרערן
אינעם גרינעם שווייגן.
און אין שטערן שימער
מיט אַ צער אַ טיפן
שפּילן אויף די פעלדער
ווייטע פרילינגס־האַרפן,
קלאָגן זיך אין נעפּל
מיט אַ יוגנט־טרויער,
גלייך ווי דו, מיין טרייע,
אין דיין חופּה שלייער.

בערן, 1914.

ממעמקים

לאָמיר ניט ריידן
און האָבן געדולד.
הייליק דיליידן
וואָס קומען אָן שולד.
הייליק די ליידן:
זיי לייטערן שנעל,
עפענען הערצער
און מאַכן זיי העל.

אומעטום הער איך
נאָך הילך דיין געשריי,
זע דיינע אויגן
דערפילטע מיט וויי,
זע דיינע אָרעמס
אין ליידן צעשפּרייט,
אויף שטיקער צעריסן
דיין קיניגלעך קלייד.

נאָר וואָס קען איך העלפן
און וואָס קאָן איך טאָן?
אויך איך בין אַ קיניגס
פאַרטריבענער זון:
ערגעץ־וואו ראָסטעט
פאַרלאָזן מיין שווערד,
ערגעץ־וואו בלאָנדזשעט
מיין היציקער פערד.
ערגעץ־וואו דרעמלט
פאַרכישופט מיין חיל,
ערגעץ־וואו, טרייע,
פאַר טויזנטער מייל.
און איך בין דאָ איינער
און האָב ניט קיין מאַכט.

קריץ מיט די ציינער
אין שלאָפלאָזער נאַכט.
ברעך מיט די פינגער
און יאָמער, און בעט,
ווייק אויס מיט טרערן
מיין איינזאַמעס בעט.

אַט זע, ווי איך בויג זיך
און קוש דיינע טריט,
וואַש זיי מיט טרערן
פון שווערן געמיט;
שטעק יעדן דאָרן
פון דיר אין מיין לייב;
גיי אויף די וועגן
און זוך זיי און קלייב.

לאָמיר ניט ריידן
און האָבן געדולד.
הייליק די ליידן
וואָס קומען אָן שולד.
הייליק די ליידן:
זיי לייטערן שנעל,
עפענען הערצער
און מאַכן זיי העל.

בערן, 1915.

א חופּה־ליד

זאָל אין דיין כלה שויס
מיין לוסט געהייליקט זיין,
גלייך ווי דער רויטער וויין
וואָס פינקלט אינעם כוס
ביים שיין פון חופּה־ליכט.
און זיין זאָל מיין באַגער
פון חלום ניט דערוועקט
גלייך ווי עס איז באַדעקט
מיט צאַרטן, ווייסן זייד
דיין מיידלשעס געזיכט.

און ווען דער כוס וועט זיין
שוין ליידיק פונעם וויין
און פול מיט שטילן פּיין
וועט ליגן זיין קרישטאָל
צעשמעטערט צו דער ערד, —
אָ, גלויב, עס איז דער שטויב
פון דער פאַרבליאונג נאָר
וואָס נאָך איר צאַרטן שפּור
איז ערשט דאָס צייטיקע
און זאַפטיק פרוכט באַשערט.

און ווען דיין יונגפרוי האַרץ
וועט וויינען פון פאַרדרוס,
ווען צו דיין שלאַנקן פוס
וועט ליגן אָפּגעפּליקט
דאָס ריינע יוגנט בלאַט, —
אָ, גלויב, עס איז אַ פריינד,
אַ ברודער און אַ מאַן
מיט דיר, מיין קינד, פאַראַן
וואָס ליבט און בויט מיט דיר
אַ בנין עדי עד.

בערן, 1916.

* * *

אין דער בלויער אָונט־ווייטקייט
מיט אַ ליבלעכער מוזיק
ווערט דער צויבער־טרוים פאַרגאַנגען
פון מיין העלן יוגנט־גליק.
שלאַנקע, יונגע סילועטן,
קרענץ פון בלומען זעט מיין בליק
און אַ ווייטער פלייטן־עכאָ
קומט מיין אויער נאָך צוריק.

אויף מיין אָקסל פיל איך, ליבסטע,
ווי עס כוואַליעט זיך דיין האָר,
און דיין האַנט אין אָונט־בלויקייט
ציט זיך, ווי אַלבאַסטער־קלאָר.
ווילסט פאַרהאַלטן די זכרונות
פון דעם נאָך פאַרגאַנגען וואָר,
פון דעם שטילן, פון דעם ליבן,
פון דעם איינציק גוטן יאָר.

זיי געטרייסט ער וועט נאָך קומען
מאַך די אויגן צו און גלויב,
זע, אַ נייע העלע יוגנד
קלאַפּט אין אונדזער טונקל שויב.
פון דיין מוטער־שויס, אַ, טרייע,
שפּראָצט אַרויס אַ נייער בוים,
וועלכער הויבט זיך אויף צום מאָרגן,
מיט אַ נייעם יוגנט־טרוים.

בערן, 1916.



חרטה

און איך האָב וויינען היינט געמוזט,
אַזוי האָט מיר דיין איינזאַמקייט געלויכטן.
אַזוי געוועזן איז פּינצטער מיין געמיט,
אַז איך האָב טיף אין דיינע קלאָרע אויגן
מיין אייגן, אייגן מאַמען ניט דערקענט.
האָט זי דאָך אויך אַזוי אין וויטאָגן געהיט
דעם ערשטן ריר פון מיין דערוואַכטן לעבן
און איינזאַם מיך דערוואָרט,
גלייך ווי אַ פריינד אַ גוטן
און צוגעשמייכלט מיר,
פאַרגייענדיק אין בלוטן;
און איינזאַם מיר געזויגן
און איינזאַם מיך געוויגט,
און איינזאַם מיך דערצויגן,
און נאָכדעם איינזאַם מיך
באַגלייט מיט טרויער אויגן,
ווען איך בין איר פאַרבייגעגאַנגען בלינד,
גלייך ווי אַ דאָרשטיקער
אַ שטילן קוואַל אין מדבר,
גלייך ווי אַ וואַנדערער וואָס גייט זיין היים פאַרביי,
גלייך ווי אַ קרעציקער
וואָס מיידט אַליין זיין סגולה,
ווי אַ פאַרשטויסענער
דעם שופר פון זיין גאולה.

בערלין, 1923

נאָך אמאָל פּיל אָן דיין כוס

נאָך אַמאָל פּיל אָן דיין כוס,
אין יעדן וויין געמישט איז טרויער —
דאָס זיסע בלוט פון צייטיק זיין...
די טרויבן, זע,
זיי וויקלט איין
אַ מאַטער טוי
און דיינע אויגן שוואַרץ אין גרוי,
ווי טרויבן צוויי
אין אָוונט שלייער.

דער טאָג פאַרגייט אין בלאַסן רויט
ווי פרייד אין ליד
ווי ליד אין פרייד.
אָ, זע,
ווי קלאָר עס מישט זיך אויס
דער אָוונט־שיין
ביי מיר אין כוס, —
דער טרויער גליט אין אַלטן וויין
און מאַכט זיין פרייד נאָך דאָפּלט ליכטיק.

איך זע אין אויפגאַנג זיין פאַרגיין
און אין פאַרגיין — דאָס רויט פון אויפגאַנג.
דער לעצטער קוש איז דאָפּלט שיין,
די ליפּן דיינע טריפן וויין,
אין דיינע אויגן שטראַלט דער טרויער.

פאַריז, 1929

דערינערונגען

בלייב שטיין און רו, — מיט וואונדערלעכע פינגער
באַרירט מיך ווער ביים אַקסל און איך שטיי.
די שווערע לאַסט ווערט אומבאַגרייפלעך גרינגער
און זיסער ווערט דער אַלטער טיפער ווײ.
אַ פאַרבנרייכער שמעטערלינגען קראַנץ
האָט מיך אַרומגערינגלט אין אַ טאַנץ.

— נעם אויף די געסט פון וואונדערלאַנד געקומען
וואָס נאָר דער טרוים געפינט אַהין זיין שטעג, —
דאָס זיינען יענע גאָטס־געבענטשטע בלומען
וואָס האָט פאַרזייט די ליבע אויף דיין וועג,
אין גליק געבליט פאַרוועלקט אין זאָרג אין גרויען,
דערשיינען זיי אין בענקענדיקע שעהן.

אַ דופטיק הויך פון פריש באַטויטע פליטער
האָט פלוצלונג מיך, ווי גלעטנדיק באַרירט,
גלייך עמעץ וואָלט מיט אַ פאַרליבטן ציטער
די צאַרטע האַנט אויף מיין געזיכט געפירט.
און אויף דער צויבער פלייטע מיט אַ געזאַנג אַ שטילן
האָט די האָפענונג אין מיר גענומען שפּילן.

און אַלע גוטע ליבעסנעכט פון נעכטן
געקומען זיינען, טאַנצנדיק, פאַר מיר,
ווי שלאַנקע, שיינע יונגפרויען וואָס פלעכטן
אַ חופּה־קראַנץ פאַר אַ פאַרליבטנס טיר,
פון אַלע שמייכלען, בליקן, קושן, טרערן,
באַהאַנגען מיט די גרעסטע פרילינגס־שטערן.

— „בלייב שטיין און רו" — מיט וואונדערלעכע פינגער
האָט עמעץ מיר ביים אַקסל ווי באַרירט.
— בלייב שטיין און רו, דו שווער באַטריבטער זינגער,
דיין צויבער פלייטע האָט דיך ניט פאַרפירט:
דער וועג צום לאַנד, וואו אַלץ נעמט ווידער גרינען,
קאָן נאָר דער טרוים אין איינזאַמקייט געפינען.

ראַדאָם, 1917



דורך אַלע נעפּלען...

דורך אַלע נעפּלען שמייכלט מיר דיין געזיכט
און שטראַלט אין ליכט
פון ווייטן, ווייכן טרויער, —
עס איז דער גלאַנץ פון אַ געהייליקט פּיין
וואָס הילט אונדז איין
אין לייכטן ליכטן שלייער.

אַזוי שמייכלט ווייך אַ מוטער צו איר קינד;
אַ הייליקער דערמאָנט אַזוי זיין זינד;
אַזוי באַגריסט דעם תליון זיין מאַרטירער;
די יוגנט שמייכלט צו אַזוי דעם טויט;
אַזוי צעשטראַלט די ליבע זיך אין נויט
און געטער ווערן אין דעם ליכט געבוירן.

בערלין, 1921.

גלויבן

עס האָט דער טויט צו מיר
זיין שוואַרצע האַנט געצויגן,
אַנטקעגן האָבן שטיל
געלויכטן דיינע אויגן.
האָסט צו מיין גלויבן מיר
אַ גאָלדענעם בריק געשלאָסן:
איך האָב אַ פעלד דערזען
מיט זונען־ליכט באַגאָסן
און קאָרן־בלימעלעך,
ווי טראָפּנס הימל־בלוי.
די רו האָט ווייך געוויגט
מיט ווינטיקע הענט די זאַנגען,
פון תבואה האָט צו מיר
אַ קינד געשמייכלט ראָז.
איך האָב דאָס קינד געבענטשט,
די זאַנגען און דעם גראָז —
און ווייטער, גלויבנדיק,
מיין טונקעלן וועג געגאַנגען.

בערלין, 1921.



היימלאָזע

(מיין פרוי געווידמעט)

גייען מירביידע דורך פעלדער און וועלדער.
ווערן מיר ביידע אַלץ עלטער און עלטער.

באַגלייטן אונדז ביידע צוויי איינזאַמע שטערן
און יעדערער פאַר זיך פאַרגיסט זיינע טרערן.

פּלוצלונג דערזעען מיר ביידע אין מיטן
די פעלדער אַ בוימל, באַשאָטן מיט בליטן.

דאָרט זיצט אונדזער יוגנט און ווינקט מיט אַ פינגער
און לאַכט אַזוי ליבלעך, אַז ס׳האַרץ ווערט אונדז יינגער.

דאַן זעצן מיר ביידע לעם איר זיך אַנידער
און זינגען צוזאַמען פאַרגעסענע לידער,

ביז ס׳קומט אָן דער אָוונט און טונקל נעמט ווערן
און ס׳גייען אויף ווידער צוויי איינזאַמע שטערן.

פּאַריז, 1938.

אקאָרד

מסתמא, טייערע, דאַרף זיין אַזוי...
מסתמא, טייערע, דאַרף זיין אַזוי...
די ליבע הייליקט זיך אין שטילן וויי,
די ליבע לייטערט זיך, ווערט קלאָר, ווי שניי —
מסתמא, טייערע, דאַרף זיין אַזוי...

באַהאַלט, מיין טייערע, דיין שטילע טרער...
באַהאַלט, מיין טייערע, דיין שטילע טרער, —
זי איז אַ באַלזאַם פאַר אַ האַרץ אַ שווער,
זי איז די שענסטע פערל פונעם טיפסטן מעער,
באַהאַלט, מיין טייערע, דיין שטילע טרער...

ווילנע, 1912

צו אַ יידישער טאָכטער

(סאָנעט)

דיך האָט געקרוינט דער גורל פאַר אַ שוועסטער
אין טיפן פיין די שטילע טרייסט צו טראָגן,
און ווען דער צווייפל האָט געגומען נאָגן,
האָסטו מיט דיינע רייד דעם גייסט געמאַכט אונדז פעסטער.

דיך האָט געקאָנט דער שייטער־פלאַם דער גרעסטער,
דו האָסט באַגלייט צום תליה יעדן וואָגן
און נאָכדעם שטיל צוריק געבראַכט צוטראָגן
אַ מוטער האַרץ פאַר די צערויבטע נעסטער.

איצט, ווען איך הער דעם קלאַנג פון קלויסטער־גלאָקן
און זע ווי מיד עס שוואַרצן זיך די לאָקן
מיט טרויער פול אויף דיין ווייסן יונגן שטערן, —

דאַן דוכט זיך מיר, עס וועט זיך באַלד באַווייזן
מיין צווייטער איך, געשמידט אין שווערן אייזן,
און הינטן דו מיט אויגן פייכט פון טרערן.

בערן, יוני, 1914

V



און גרויס איז דער מדבר

און גרויס איז דער מדבר, און וועלכן איך וואַנדער...
דאָס ווינטל פאַרוויִיט מיינע עלנטע טריט.
אָך, ווינטל, דו ווינטל, פאַרווי נישט די צייכן,
די צייכן וואָס ווייזן אַז איך האָב געלעבט...

און ברייט איז דער מדבר, נאָר ענג איז אין האַרצן,
און אָפטמאָל פון ענגשאַפט שטיל קאַפּעט אַ טרער...
אָך, זעמדלעך, איר זעמדלעך, נישט שלינגט איין די טרערן —
די צייכן וואָס ווייזן אַז איך האָב געבענקט.

הויך, אויבן צעשפּרייט זיך אַ פינצטערער הימל...
איך פיל, ווי עס רוקט זיך אַלץ נענטער דער טויט.
פאַרשיט מיך, דו ווינטל, אָך שלינגט מיך איין, זעמדלעך,
זאָל קיינער נישט וויסן דעם סוף פון מיין וועג...

וואָלקאָוויסק, 1905

צוקונפט

אַן ענדלאָזער מדבר. אַ זאַמדיקע וויסטע
מיט אָפענע קברים אַרום און אַרום,
און איינזאַם דאָרט שפּרייז איך באַגלייט פון צווי גרעבער
וואָס טראָגן אַ מיטה פאַרגליווערט און שטום.

און וואו נאָר איך קער זיך, דאָרט גייען די גרעבער
מיט האַרטע מיט שיקזאַל־פאַרשטיינערטע טריט.
און ווערט מיר אין האַרץ עפּעס ליכטיקס געבוירן, —
גלייך בלייבן זיי שטיין לעם אַ קבר דערמיט.

באַווייזט זיך וואו ערגעץ צווישן די וואָלקן
אין הימל אַ שטערן און ווינקט מיר געשווינד, —
גלייך שטעלן די גרעבערס זיך אָפּ לעם אַ קבר
און לאָזן אַראָפּ אין אים לאַנגזאַם אַ קינד...

און צערטלט מיין פּנים מיט דופטיקע פינגער
פון ערגעץ אַ וואַרעם פאַרבלאָנדזשעטער ווינט, —
גלייך שטעלן די גרעבערס זיך אָפּ לעם אַ קבר
און לאָזן אַראָפּ אין אים לאַנגזאַם אַ קינד...

דערגרייכט ווען מיין אויער אַ יונגעס געלעכטער
און וויגט איין מיין איינזאַמקייט ליבליך און לינד, —
גלייך שטעלן די גרעבערס זיך אָפּ לעם אַ קבר
און לאָזן אַראָפּ אין אים לאַנגזאַם אַ קינד...

אַן ענדלאָזער מדבר. אַ זאַמדיקע וויסטע
מיט אָפענע קברים אַרום און אַרום.
און איינזאַם דאָרט שפּרייז איך, באַגלייט פון צווי גרעבער
וואָס טראָגן אַ מיטה פאַרגליווערט און שטום.

וואָלקאָוויסק, 1905.

אין דער פרעמד

אַלץ איז מיר פרעמד, אַלץ איז מיר ווייט,
נישטאָ קיין אָרט, וואו בלייבן דאָ.
עס שיינט די זון, דער הימל בלוי,
נאָר מיר גייט יעדער שטראַל פאַרביי...
אַלץ איז מיר פרעמד, אַלץ איז מיר ווייט.

די זון פאַרגייט
און פלאַקערט שטיל אין מערב־זייט,
איך שטיי און זע, ווי פיין זי גליט
און גייט אַוועק...
און פול מיט בענקשאַפט און מיט שרעק
צעשפרייט איך מיינע הענט צו איר
און בעט זיך שטיל: אָ, נעם מיך מיט!
דאָ איז מיר פרעמד און אַלץ איז ווייט.

פאַרגאַנגען איז די זון
און טיף אין הימל גייט אַ פאַרבנשפּיל.
עס בלאָזט דער ווינט און פליט אַוועק,
און כ׳בעט אים שטיל:
אָ, נעם מיך מיט!

געקומען איז די נאַכט.
עס רירט זיך נישט
קיין איינציק בלעטל פון קיין בוים.
דאָס טייכל מורמלט נאָר געהיים
און שווימט אַוועק...
און כ׳בעט עס שטיל: אָ, נעם מיך מיט!
אָ, נעם מיך מיט!

וואָלקאָוויסק, 1905.

וואָס בין איך דען?

וואָס בין איך דען?
ווער קאָן דאָס מיר דערציילן?
שטויב דורכן גאַס
אין קרייזן פונעם ווינט, —
אַ קליינער טייל
פון מיליאָנען טיילן,
געשטויסן פון אַן אומבאַקאַנטן בלינד.

אַזוי גיי איך,
גלייך ווי אַ שמאַטע־זאַמלער,
די הויפן דורך
און זאַמל, ווי עס גייט.
אין פרעמדן לאַנד
אַ היימאַטסלאָזער שטאַמלער
וואָס שטאַמלט תמיד
איבער זיינע רייד.

און טעג נאָך טעג,
ווי אייגלעך אויף אַ שפּיזל,
די אַלטע שטריקערין,
זי שטריקט זיי אָן אַ זין,
עס פּלאָנטערט זיך אַרום
אַ נעץ אַ גרויער ביז
עס קומט די אומזיכטבאַרע
טרויעריקע שפּין.

דער לעצטער פלי אין נעץ...

אָ, טרוימערישע פליגל
געוועבט פון ערשטן רעגנבויגן פריש,
פאַרגליווערט וועט איר גלייך,
ווי פערלמוטער ליגן
מיט טויטע פאַרבן
אויף אַן אַלטן טיש.

איר וועט דערנאָך
אין אָפּגרונט פון פאַרגעסן
פאַרזינקען גלייך,
ווי אַנדערע אָן צאָל,
ביז ס'וועט אַ בלויער
אינדזל זיך דערהויבן
פון אַלע די פאַרזונקענע אַמאָל.

עס איז אַ טרייסט
וואָס מאַכט נישט העל דעם קבר,
וואו ס'ליגט דער בלינדער
שטיין פון פונדאַמענט.
אָ, גאָט, פאַרוואָס
האָב איך די יונגע פליגל
ביים ערשטן פלאָם פון פרילינג
נישט פאַרברענט!

פאַריז, 1928.



אָפּגעזעגנט

נאָך פליסטערט עס אין מיר, גלייך ווי אַ תפילה,
נאָך וויינט עס ווי אַ ניגון.
די בלעטער פאַלן אויף אין האַרבסט מיט אַ געבעט
אויף זומערדיקן רעגן.
וואָס איך האָב ווען גערעדט...
וואָס איך האָב ווען געשוואוירן...
אין ערשטן טאָג פון מיין געבוירן
איז שוין געווען צו שפּעט.

איצט טראָג זיך, טראָג, מיין שיף,
אין אַלע וייטן;
איך האָב זיך שוין צעזעגנט מיט די צייטן, —
זיי גייען מיר פאַרביי, ווי פרעמד.
דער טאָג אין גאָלד,
די נאַכט אין בלוי געהילט, —
ווי שטומע וועכטער
קומען זיי זיך בייטן.
אָ, טראָג זיך, טראָג מיין שיף,
אין אַלע ווייטן.

נאָך פליסטערט עס אין מיר, גלייך ווי אַ תפילה,
נאָך וויינט עס, ווי אַ ניגון,

דאָך בלייב איך אומבאַוועגלעך ליגן
אויפן דעק.
ס'איז גוט אַזוי
אויף תהומען זיך צו וויגן,
אָן האָפענונג,
אָן שרעק;
איינטאָניק פייפט דער ווינט
אַדורך די שטריק,
איינטאָניק ליגט
די ווייטקייט פאַר מיין בליק, —
די שטרעקן,
ווי די צייטן.
אָ, טראָג זיך, טראָג, מיין שיף,
אין אַלע ווייטן.

פאַריז, 1929

אָוונטן

שטילקייט, דו
אין אָוונטן אָן טרוימען,
ווי אויפֿן ים
דער וויסטער האָריזאָנט,
וואו נאָענטקייטן
פֿאַרשווינדן אין די רוימען
און ווייטקייטן
דערשיינען אַזוי נאָנט.
וואָס ווינקט מיר דאָרט —
אַ שאָטן פֿון אַ וואָלקן,
אַ ברעג פֿון פֿעסטן לאַנד,
אַ זעגל וואו אין ווייט,
אַ פֿאַס פֿון כוואַליע־שוימען ?
ווער קען איצט אָפּטיילן
באַוועגונגען פֿון רו ?
שטילקייט דו
אין אָוונטן אָן טרוימען.

וואָס איז געווען ?
געזען און ניט דערזען,
געהערט און ניט דערהערט.
עס האָט אַ קינד געלאַכט,
אַ מוטער אויג געטרערט,

און ליפּן דופּטיקע
און קיל, ווי רויזן פּליטער,
און הייסע צאַרטע הענט
אין יוגנטלעכן ציטער.
עס האָט געברענט,
געברענט און ניט דערברענט
אין אָוונט־פלאַמען
וויאָלעטע שטעט.
געשטאַלטן...
פּנימער...
דערקענט און ניט דערקענט.
און ווערטער...
דראַאונגען...
דערמאָנונג און געבעט
פון מיר האָלב ניט דערהערט,
פון זיי האָלב ניט דעררעדט.

איצט ווערט דאָס לאַנגזאַם בלייך
אין אומבאַשטימטע פאַרבן,
גלייך ווי אַן אַלטעס בילד
פון יאָרן הונגעריקע
גיריק אָפּגעלעקט.
אַן אַלטע וועלט,
פאַרמשפּט שוין צו שטאַרבן,
אַ בלאָנדזשענדיקעס ליכט
אויף זומפּן אָן אַן ענד,
אין שטילקייט איינגעהילט,
פון דעמערונג פאַרבלענדט.

פּאַריז, 1928.

טעג און נעכט

לאָזט מיר ציילן מיינע טעג אַליין,
קיין איינער איז מיר נישט געשענקט געוואָרן;
איך האָב זיי זעלבסט געריסן פון דער צייט
און אויסגעפלאָכטן אין אַ קראַנץ פון יאָרן.
טרויעריקער קראַנץ
פון אַלערליי קאָליאָרן
פון אימאָרטעלן — טרוקענער געפלעכט,
און ווי אַ שוואַרצער באַנד
פאַראייניקט זיי צוזאַמען
די טיפע איינזאַמקייט פון מיינע לאַנגע נעכט.

אָ, ניט דערשלאָפענע נעכט!
ווי איובס בייזע פריינד
געשאָטן האָבן זיי בלויז זאַלץ אויף מיינע וואונדן.
און פינצטער צוגעקוקט
מיין שווערן קאַמף מיט גאָט,
ווען איך האָב זיינע קרעץ
ביי מיר פון לייב געשונדן.

זיי ציילן וויל איך נישט, —
זיי זיינען נישט צום ציילן.
און מעסטן וויל איך נישט, —
זיי האָבן נישט קיין מאָס.
זיי זיינען לאַנג, גלייך ווי אַ פלוך אויף דורות,
און אָן אַ דעק, ווי אַ פאַרסמטער כוס.

פּאַריז, 1928.

נאַקטיורן

אַט דער שטילער טויט,
אַט דאָס גרויסע שווייגן,
ניט קיין ריר דורך דער לופט,
און עס פאַלט פון די צווייגן.
יאָ, אַזוי גייען מיר
מיט געבויגענעם קאָפּ
אונטערטעניק דער האַנט,
וועלכע פירט אונדז אַראָפּ.

וואָס געווען, איז ניטאָ, —
וויסטער רוים, קאַלטער בלוי,
און די זון שיט מיט גאָלד
אויפן קופערנעם בוים.

וואָס איך האָב געוואָלט...
און וואָס דו האָסט געוואָלט... —

בלעטער גליטשן זיך שטיל
און די לופט רירט זיך קוים.

אָפּט דערגרייכט דיך אַ קלאַנג,
אָפּט פאַרנעמסטו אַ וואָרט;
— אָט דאָס ניט באַדאַרפט...
— אָט דאָס ניט געטאָרט...
אפשר יאָ, אפשר ניין?
זאָגט, ווער קען דאָס פאַרשטיין?
שאָטנס פאַלן אַראָפּ
מיט אַ שטילן געוויין.

פּאַריז, 1936.



און אַלע זיינען זיי אַוועק

(אויף מעדעמס קבר)

און אַלע זיינען זיי אַוועק,
קיין איינער איז מיר ניט געבליבן
און ניט קיין וואָרט געלאָזט,
און ניט קיין בריוו געשריבן.
פאַנטאָמען, גלייך דורכזיכטיק ווי די לופט,
אַ ליבע קוים פאַרזוכט,
אַ פריינדשאַפט קוים געפרואווט.

און אַ פאַרגאַנגענהייט —
מדבריות ברייטע ליגן,
קיין סימן ניט פון אָפּגעלעבטע יאָרן.
אין צופיל קרעטשמעס בין איך אָפּגעשטיגן,
האָב איך אין יעדער עמעצן פאַרלאָרן.

אָפּט קער איך אום מיין קאָפּ
און וואַרף צוריק
אויף שטרעקן איינזאַמע
מיין שטילן בליק.
דאָן זע איך וואר־ניט־וואָו
אַ קבר שטיין;
און ס'ווינקט דער שטיין צו מיר
פון וייטן מיט געוויין:
ער איז געווען אַליין
און דו ביסט אויך אַליין.

צו וולאַדעקס טויט

און אַט אַזוי שטיין וועסטו בלייבן באַלד,
ווי אַן אַלטער בוים אין אַן אויסגעהאַקטן וואַלד
און, וואַרטנדיק די נאַכט אין אָוונט-פלאַמען,
זען בלויז אַ פעלד פון אָפּגעשניטענע שטאַמען.
ווינט און פוסטקייט... פאַרוועלקטע האַרבסט-געדאַנקען...
זכרונות אַלטע, ווי פייערלעך, וואָס צאַנקען
אין ווייטן ווייט, ביים ברעג פון האָריזאָנט...
וואָס מען האָט דאָ געוואוסט!
וואָס מען האָט דאָ געקאָנט!
מען איז געווען אַ סך,
מען איז געווען נאָענט.
עס האָט געדרישט אַ ים פון גרינע צווייגן
און אין די פרילינגס-נעכט אין גרויסן שווייגן

איז יעדער ריר געווען אַ נייע בשורה.
און ווען דער שטורעם האָט די קעפּ צעשויבערט,
האָט מען, ווי ריזן זיך צעשריען אין דער וועלט —
איין גרויסן הימן פון ווילן און פון פרייד.
דער בליץ האָט איבער אונדז געצונדן ראָזע פאַקלען
און ווי אַן אָרגל האָט דער דונער אונדז באַגלייט.
געוועזן... געוועזן... און אפשר איז דאָס בלויז אַ חלום?...
צוערשט די האַק, זי האָט געמאַכט אונדז שיטער,
דערנאָך האָט אונדז געריסן דאָס געוויטער,
צעטראָגן אונדז אויף צווייגעלעך און ריטער,
און שפּעטער האָט מען שוין געשלאָסן שלום
מיט יעדן קראָט, מיט יעדן וואָרעם אין דער קאָרע,
ביז דאָס קראָען־פאָלק האָט זיך אין אונדז באַזעצט
און אונדז דעם שוואַרצן יאוש אויסגעקרעכצט:

„עס איז געווען אַ טעות, אַ פאַלשער גלויבן,
ניטאָ קיין פרייהייט אַפילו ביי די פייגל אין די הויכן,
און ווי דו זאָלסט ניט וואַקסן, שטרעבן, זיך דערהויבן,
דעם הימל וועסטו קיינמאָל ניט דערגרייכן..."
און אפשר איז די קראָ געוועזן גערעכט?..
דיין ווערק, אָ, גאָט, איז קלאָגעדיק און שלעכט.
צו וואָס דאָס גלויבן, חלומען און שטרעבן?
אַז יעדער פרידן ברענגט אַ נייעם קריג
און יעדער אויפשטאַנד ברענגט אַ נייע נויט!
עס איז אַ וועלט פון צאָרן, האַס און טרערן,
און יעדער טראָגט אין זיך דעם טויט,
ווי ס'טראָגט די פרוכט אין זיך דעם ביטערן קערן.



אײנזאַמע

אײנזאַמע!
װער װעט זיך טײלן מיט אונדזערע לײדן,
װער?
דערטרונקען אין פינצטערע נעכט װעלן װערן
די בענקענדע טענער פון אונדזערע לידער,
און קײנער נישט,
קײנער
װעט לאָזן אַ טרער...
אַ מײדל װעט אפשר אַמאָל אונדז פאַרנעמען
און ס'װעט איר פון מיטלײד אין האַרצן פאַרקלעמען;
אַ פרײנד װעט אַמאָל, אפשר, זיפצן באַהאַלטן,
אַ קרוב װעט שענקען אַ טרײסט-װאָרט אַ קאַלטן, —
נאָר קײנער נישט,
קײנער,
װעט פילן דעם צער...
אײנזאַמע װעלן מיר בלאָנדזשען און בלאָנדזשען
און זוכן, נישט װיסנדיק װאָס.
נאָר װאויל איז צו די,
װעלכע װעלן געפינען
אַ סטעזשקע אָן דערנער, װאו רואיק צו בלאָנדזשען,
אַ הײזל אַ שטילעס, װאו טרוימען צו שפּינען,
אַ זאַמד, צו דערשלינגען די טרערן, װאָס רינען, —
װאויל איז צו די אויף דער װעלט!

װאָלקאָװיסק, 1907.

ווער ציט מיר דען זיין אָרעם אויס

ווער ציט מיר דען זיין אָרעם אויס
מיט זון אין בליק?
ווער שליסט מיר אויפן שוואַרצן תהום
אַ גאָלדן בריק?
ווער האָט מיט מיר אין שטומער נאַכט
אַ וואָרט גערעדט?
און ווער דערמאָנט מיין נאָמען שטיל
אין זיין געבעט?
די טירן שטייען אַלע פעסט פאַרמאַכט;
דער שלאָפלאָזער וואַכט אָפּ אַליין זיין נאַכט;
דער קראַנקער ליגט אַליין געשמידט צום בעט,
און יעדער מורמלט פאַר זיך זיין געבעט.
אָ, טריט געטראָטענע אין זאַמד פון וויטן וויט!..
אָ, טריט פאַרשאָטענע אין וויסטער איינזאַמקייט!..

אויף אַלע גרינע בוימער זינגען
פייגל פיל;
אין יעדער שפּאַלט און שפּעלטל גרילט
פאַר זיך אַ גריל;
פאַרבענקטע שטימען רופן, שרייען
אָן אַ צאָל,
נאָר קיינער האָט קיין ענטפער
אויף זיין קול.

דער טויבער הערט זיין אייגן שווייגן שטום;
דער בלינדער זעט זיין שוואַרצע נאַכט אַרום;
און יעדער איינער זיין שטערנדל פאַרמאָגט,
און יעדן איינציקן זיין טיפער טרויער נאָגט.
אָ, טרערן מענטשלעכע אין אָפּגרונט פון דער צייט!..
אָ, בערגלעך זאַמדיקע אין וויסטער איינזאַמקייט!..

מיר אַלע וואַנדערן ביינאַנד
אין כישוף־לאַנד,
צווישן יעדן שטייט אַ קאַלט
קרישטאָלן וואַנט,
אומזיסט דאָס שרייען, רופן, ברעכן
מיט געוואַלד, —
די טויבע וואַנט בלייבט אייביק
דורכזיכטיק און קאַלט.
דער הימל אויבן איז נאָר אָפּן ווייט,
און אונטער אים אין טיפער איינזאַמקייט
ליגט יעדערן זיין טונקעלער וועג צעשפּרייט, —
דער בעטלער שרייט,
דער קיניג שווייגט און גייט...

בערלין, 1922

עכאָ

טיף בלויע כוואַליעס האָבן פאַרשלונגען
די קלינגענדע גאָלדענע טריט פון דער זון.
עס רוישט ניט די מיל,
די בערג שטייען שטיל.
איצט הער איך מיין אָטעם,
איצט בין איך אַליין.

עכאָ: נ־יי־ן!

איך איינער נאָר שלאָף ניט און וואַך אינעם טאָל,
און דו וואָס דו ענטפערסט, דו ביסט דאָך מיין קול.
ווען וואָלסטו געזעפן,
פאַרבאָרג איך מיין שטים?

עכאָ: א־יי־ם!

ווער איז ער? וואו איז ער? איך זע קיין געשטאַלט.
עס מורמלט מיין וואַסער און ס'טונקלט מיין וואַלד;
עס האַמערט מיין האַרץ נאָר
צו פרייד און צו וויי.

עכאָ: צ־וו־יי!

בין איך דען ניט איינער? האַלט ווער מיט מיר וואַך
און לאַכט אין מיין טרויער, און וויינט, ווען איך לאַך?
אַ, שטים פון מיין שאָטן,
דו ענטפער מיר, ווער?

עכאָ: ע־ר!

דו וויסטער געראַנגל פון צווייען אין איין,
מיין לוסט אינעם וויטאָג, אין פרייד מיין געוויין,
ווער ברענגט מיר די רו?
ווער באַפרייט? ווער צעשיידט?

עכאָ: ט־ו־י־ט!

פאַריז, 1929.

איינגעהילט אין מיין קלייד

איינגעהילט אין מיין קלייד,
גיי איך, שווייגנדיק, פאַרביי
אין מיין איינזאַמקייט, איינער.
נישט איך הער אייער לויב,
נישט מיך אַרט אייער שפּאָט, —
ווי אַ שטויב פאַר מיין טראָט
פאַלן בלומען,
פאַלן צאָרנדיקע שטיינער.

גלייך אַ שטערן וואָס פאַלט,
לעשט זיך אויסעט דער רום
אין דער נאַכט פון מיין סוד,
וועלכער לוגט אין מיר שטום,
ווי אַ חיה פאַרשטעקט,
אומבאַגרייפלעך ווי גאָט,
ווי אַן אוראַלטער וואַלד
אַזוי ווילד און פאַרצווייגט,
וואו די בענקעניש לעכצט
און די איינזאַמקייט שווייגט.

און צעזינגט זיך מיין ליד,
און צעווייגט זיך מיין האַרץ,
און צעוויגט זיך מיין וואָרט —
איז עס גלייך, ווי אַ רוף,
פון מיין טונקעלן וואַלד,
ווי אין ווייטקייט אַ בריוו
אָן אַ נאָמען און אָרט;
ווי אין מדבר אַ ברום
וואָס פאַרשווינדט און פאַרשאַלט,
ווי אַ שיין אין דער נאַכט
וואָס פאַרגייט און פאַרשטראַלט.

איינגעהילט אין מיין קלייד,
גיי איך, שווייגנדיק פאַרביי
אין מיין איינזאַמקייט, איינער.
נישט איך הער אייער לויב,
נישט מיך אָרט אייער שפּאָט, —
ווי אַ שטויב פאַר מיין טראָט,
פאַלן בלומען, פאַלן צאַרניקע שטיינער.

בערלין, 1921

עס ווערן געבוירן חלומות

עס ווערן געבוירן חלומות און שטאַרבן,
ווי בלומען אין מיטן דעם בליען
וואָס ווערן געריסן אין פרילינגס־יום־טובים
אויף קראַנצן פאַר טענץ און אויף חופּות צו צירן.

עס ווערן געבוירן חלומות און שטאַרבן,
ווי זאַנגען אויף גאָלדענע צייטיקע פעלדער
וואָס פאַלן אין גלאַנץ פון דער שטאָלענער קאָסע,
און נאָכדעם געבונדן אין גאָלדענע גאַרבן,
צעפירט מען זיי פריילעך מיט לידער אין שייער.
פאַראַנען אויך טרוימען וואָס ווערן פאַרגליווערט
אין שטיינערנע בילדער, אין פאַרבן אויף לייוונט,
אין ביכער פאַרשטויבטע, אין שיינע געביידן, —
זיי בלייבן, ווי שטילע און שטומע מצבות
אויף קברים פון אַלטע פאַרגעסענע טרוימער,
וואו ס׳בליען שוין אַנדערע פאַרביקע בלומען
און ס׳פאַלן די שאָטנס פון אַנדערעביימער.

נאָר ווי איז צו די, וועלכע ווערן געבוירן,
ווי שפּעטיקע בלומען אין האַרבסט ביי די וועגן
וואָס שטייען געבויגן אין קעלט און אין טרויער
געבראָכן פון ווינט און געזווייקט דורכן רעגן
אַ פוס אַ פאַרשמוצטער וועט גלייכגילטיק קומען
און וועט זיי צעטרעטן, די ליכטיקע טרוימען,
ווי קינדער אין שטויב פון זינדיקע גאַסן,
ווי ליבע געפּרעדיקט פון מיילער וואָס האַסן,
ווי גלויבן אויף פאָנען מיט מענטשלעכע שאַרבן.
עס ווערן געבוירן חלומות און שטאַרבן.

וואָלקאָוויסק, 1906.

דערוואָרגענע פאַרלאַנגען

און פענצטער קעגן פענצטער
קוקן בלינד
מיט לאָדנס האַלב פאַרשטעלט,
מיט פאָרהאַנגען פאַרהאַנגען, —
און הינטער יעדן פענצטער
שטייט אַ מענטש
און ווערגט פאַרקלעמט
פאַראייַנזאַמט און פאַרבלענדט

פֿאַרשעמט,
פֿאַרפֿרעמדט,
מיט בײדע הענט
די אײגענע פֿאַרלאַנגען.
עס איז אַ שרעקלעכעס געווערג,
אַז גאָט דערבאַרעם זיך!
קרבנות פֿאַלן יעדן טאָג מיליאָנען,
זײ וואַלגערן זיך
אויף יעדן ראָג
און פֿוילן אָפּן פֿאַרן טאָג
און סמען אָפּ די לופֿט.
און יעדער פֿלאָנטערט זיך אין גאַס, געפֿאַנגען
אין טויזנטער דערוואָרגענע פֿאַרלאַנגען.

און קומט די נאַכט —
דאַן ווערן זײ וויזיאָנען
און קערן זיך צוריק
צו זײערע ווערגער.
דאַן ווערט דאָס ערגער.
דאַן שטיקט מען אינעם חלום
די אײגענע ווײבער,
דאַן וואַלגערט מען זיך
צווישן נאַקעטע לײבער,
דעם מאַרך פֿאַרהילט
אַ רויטער בלוטיקער נעפּל;
אַ גיהנום זידט
פֿון פּעך און שוועבל,
דאַן קריצן צײן,
דאַן ווערגט זיך אַ געוויין,
דאַן בײַסט מען זיך אַלײן
די פֿינגער אָפּ,
דאַן ווערט, ווי שטײן
דאָס קישן אונטערן קאָפּ,
דאַן קײקלט מען זיך אין בעט,
ווי אויף קאַלטע גליטשיקע שלאַנגען,
דאַן שטײַגט צום טײַוול אַ געבעט —

פאַרשאָלטענע געזאַנגען
פון טויזנטער דערוואָרגענע פאַרלאַנגען.

אָ, גאָט, האָסט אונדז פאַרזייט
אויף פעלדער ליכטיקע
מיר זאָלן אויפגיין פריי, ווי זאַנגען;
מיר זיינען אָבער,
ווי די שוואָמען אויפגעגאַנגען
אין פייכטע פינצטערע שאַכטן;
מיר האָבן זיך אַליין געלערנט צו פאַראַכטן,
מיר האָבן נאָר דיין מאַכט געדינט
און נישט דיין שאַפן.
איצט ליגן מיר, געשמידט, ווי שקלאַפן
און הערן בלינד
די שטימע פון מעטאַל,
פון שווערד,
מאַשין,
פון קייט
און גלאָקן קלאַנגען
און דעם געוויין
פון אונזערע דערוואָרגענע פאַרלאַנגען.

פאַריז, 1929

דער זייגער פון דער געשיכטע

עס רוקט זיך דער ווייזער צום צוועלף —
אַ גאָט, באַרמהאַרציקער, העלף! —
באַלד וועט דאָס געשען,
דאָס, וואָס איז איינמאָל געווען.
דער קלויסטער־טורעם וואַקסט און וואַקסט
און שפּאַלט דעם הימל מיט זיין שפּיץ.
דער צלם גלאַנצט אין בלויען רוים,
ווי אַ פאַרגליווערטער בליץ.
איצט שלאָגט דאָס איינס:
אַ פענצטער ברענט
און אַלץ, וואָס איז אויף אים געמאָלט.
דאָרט שפּרייט אויס יעזוס זיינע הענט —
די הענט פון קאַלטן גאָלד...
איצט פאַלט דער צוויי
אין שטומער נאַכט,
ווי אַ דערוואָרגענער געשריי.
און יעזוס זיפצט:
— איך האָב דאָס ניט געוואָלט,
איך האָב דאָס ניט געמאַכט.
דאַן הייבט אָן ברומען אין דער נאַכט אַ באַס:
מיר זיינען דריי;
דו און אונדזער גאָלד און האַס.
דיין בלוט פון קרייץ
האָט אונדזער שולד נאָך ניט באַצאָלט.
און פּלוצלונג האָט דאָס פיר געשלאָגן.
דער לעצטער האָט גענומען וידוי זאָגן.
זיין קלאָג האָט יאָמערלעך געוויגט זיך אין דער נאַכט.
און יעזוס האָט געזיפצט:
— איך האָב דאָס ניט געמאַכט.
דאַן זיינען פינף, פון צאָרן אויפגערעגט,
אַראָפּ פון גלאָק און הויך געפרעגט:

— ווער טראָגט די שולד?
און יעזוס האָט געזיפצט:
— מיין געדולד.
די זעקס זיי זיינען פונעם טורעם שנעל אַוועק
און הויך געשריען:
— אין קלויסטער איז אַ שרעק!
פאַרפייניקטע געשטאַלטן
שטייגן פון די קעלערס ווילד,
פאַרברענען דאָרט דער מוטערס בילד.
דאָן האָבן פייערלעך אַראָפּגענידערט זיבן
און שטרענג געזאָגט:
— אין ביבל שטייט געשריבן...
נאָר פּלוצלונג האָבן אַכט זיי אָפּגעריסן:
— גענוג די פּיין!
מיר ווילן בלויז געניסן!
און גלייך נאָך זיי
צעטאַנצט האָבן זיך ניין,
אַ טאַנץ פון ווייבער און פון וויין.
און אַז די צען זיינען נאָך זיי געקומען,
איז יעזוס׳ בילד אין טונקלהייט פאַרשוואומען:
אין קלויסטער זיינען שוין געשטאַנען פערד,
די פענצטער אויסגעזעצט, די טירן אָפּגעריסן.
די צען זיי האָבן זיך פון גלאָק דערהויבן
און הויך דערקלערט:
— מיר זוכן איצט אַ נייעם גלויבן.
די עלף זיי האָבן אים געפונען,
און אויף אַ קרייץ האָט ווידער בלוט גערונען.
אַ נייער גאָט און נייע צוועלף
אַפּאָסטאָלן, ווי הונגעריקע וועלף
פון טורעם האָבן זיך געלאָזן מיט דעם נייס
און ווידער בלוט געבראַכט אַלס הייליקן באַווייז.
ס׳איז האַלבע נאַכט.
און בלוט, און האַס, און גאָלד, און מאַכט...
און ווידער איז די וועלט אַריין אין אַלטן קרייז.
איינס.

פּאַריז, 1937

אויפן שיף

דער אָוונט האָט זיך
אויסגעמישט אין נעפּל.
דער הימל איז
צעגאַנגען אינעם ים.
און רויט, ווי בלוט,
און געל, ווי ריינער שוועבל,
און אַמעטיסן גרין,
און בלוי, ווי גאָזן־פּלאָם —
אַ פּערלמוטער וועלט,
אַן אויסמיש פון קאָליאָרן,
גאָטס פאַרבן־ברעט
אין כאַאָס פון אין־סוף.
אַ העלער טאָג
איז אָפּגעווישט געוואָרן.
דעם שעפערס גייסט
פאַרזונקען איז אין שלאָף.
עס שלאָפט דער ים,
עס דרעמלען זיינע וועלן,
נאָר צייטנווייז
דערשיינען זילבער־קאַמען —
אַ טיפער וואונק
פון אומבאַוואוסטן וועלן,
אַ לעצט אַקאָרד
פון ציטערדיקע גאַמען.
אַלץ רוט,
אַלץ שווייגט.
אַלץ איז אין זיך פאַרזונקען.
דער דאַמפער נאָר,
ער ציטערט אויפגערעגט.
דער רויך — דריי פאָנען שוואַרץ
דורכצאַקט מיט גאַרבן פונקען,

האָט דראָענדיק
דעם שוימען וועג באַדעקט.
עס שווימט די שיף,
גלייך ווי אַ טרוים פּאַלאַסט —
אין גנעפּל־תהום
אַ ליכטיקער פּלאַנעט.
און אויפן מאַסט,
פון אייגן ווינט צעפּלאַטערט,
רופט שטאָלץ די פאָן
דעם שטורעם אויף געוועט.
און דאָס בין איך און דו,
און אַלע
וואָס שטייען שטאָלץ,
צופרידן אויפן דעק
און חלומען אין שפּיל
פון כאַאָס און פון פאַרבן,
נאָך ניט באַרירט פון שרעק,
ווי קינדער אין אַ וויג
אַ ריזיקער געוויגט
צווישן תהומען צוויי
און וויסטע טיפן,
וואו ס׳דרעמלען איצט
די ווילדע ריזן־הענט
וואָס שפּילן זיך
אין שטורעם מיט די שיפן.

און אונטן דאָרט אין טרום
ביי אומרואיקע פלאַמען —
מאַשינען,
ווי שוואַרצע שפּינען,
געגאָסן פון מעטאַל —
אַ גלידער קראַמף
פון שטאַנגען און פון רעדער,
אַ קאַמף
צווישן שטאָל און דאַמף,

אַ האַרטער ראַנגלען זיך
פאַר יעדן צאָל און שפּאַן,
פאַרכישופט אינעם קרייז
פון ריטמישן געשפּאַן.
און מענטשן לעבן זיי,
האַלב נאַקעט און פאַרבלענדט
מיט איינגעצוימטע טונקעלע געפילן
וואָס שלאָגן זיך,
גלייך ווי דער עלעמענט
צווישן צוואַנג
און אומבאַגרענעצטן ווילן.

עס שווימט די שיף,
אַ ריזיקער פּאַלאַסט,
און גליט אין נאַכט
מיט אַלע זיינע ליכטער.
אַ שטערן הענגט,
ווי צוגעשמידט צום מאַסט.
דער נעפּל שטייגט
וואָס העכער און געדיכטער.

עס פאַלט די נאַכט.
דעם אָפּגרונד האָט
אַ שוואַרצע מאַסקע סודותדיק פאַרצויגן.
און אַרום שיף
פון שטילן ווען־טאַנץ
דאָרט ברענען טויזנט לויערנדיקע אויגן.
איצט שלאָפט די שיף
אין קינדישן בטחון,
פאַרטרויענדיק דאָס לעבן,
דעם געזעץ,
ווי ס׳שלאָפט אַ נעגער
רואיק אינעם אורוואַלד,
פאַרזיכערט אין זיין אויסגעשניצטן געץ.

פּאַריז, 1925.

טשאַרלסטאָן

טאַנץ אין אורוואַלד,
היט די טריט,
אינעם בליק דער פאָספאָר גליט.
טאַנץ אין אורוואַלד.
שלאַנגען לייב
בייגט זיך, וויגט זיך, גלעט און בריט
פונעם קנאַפּל ביזן היפּט.
ווילדער גראָז
אין אורוואַלד־נאַכט —
היט זיך,
יעדער טראָט איז גיפט.

בום, בום, בום, בום...
איצטער קום.
עס שלאָגט די פּויק,
עס וואַרט דער שטאַם,

אין חושך, זע,
דאָרט ברענט אַ פלאַם.
דעם פלאַם אַרום, —
בום, בום, בום, בום.
עס טאַנצט דער שטאַם —
די לייבער בלויז,
דער אָטעם הייס,
פון שוואַרצן לייב
רינט אָפּ דער שווייס,
דער שפּיז פאַרויס,
פאַר זיך דעם שילד
דאָס בלוט איז ווילד —
אַ שפּרונג,
אַ וויג . . .
אַ שטאָך,
ווי פון אַ גיפטיק פליג.
מיר טאַנצן איצט
דעם טאַנץ פון קריג.

אין די בונט באַמאָלטע זאַלן
גייט אַ טאַנץ פון קאַניבאַלן
און צום טאַקט מיט ווילדן שרייען
זינגט אַ כאָר פון פּאַפּוגאַיען, —
נעגער־קונסט בלויז צו באַגאַפן
פאַר אַ פּובליקום פון אַפּען.
פלייט און פּויק, צוויי סאַקסאָפאָנען,
פיר געקרויזטע נעגער־קעפּ, —
בלויז דער שייטער פעלט אין מיטן
און די גרויסע שוואַרצע טעפּ.
יאָ, ניט ערגער און ניט בעסער
פון די ווילדע מענטשנפרעסער, —
די קולטור איז אַ וויזיאָן. —
פּויק און פלייט און סאַקסאָפאָן.
זיידן פליטער, גלידער ציטער,
אויפן אורוואַלד הענגט געוויטער,

פויק און פלייט און סאַקסאָפאָן.
אונדזער טאַנץ איז טשאַרלסטאָן.

אַזוי יאָגן זיך די פאָרן,
ווי אין אורוואַלד טיף פאַרלאָרן.
אורצייט וויגט זיך אויפן וואָר,
טאַנץ פאַר הונדערט טויזנט יאָר.
סאַקסאָפאָן, און פויק, און פלייט.
אויף די ווילדע סטעפּעס ברייט
גייט אַ קאַראַהאָד פון יעגער
און דער פירער איז אַ נעגער.
נאַכט אין אורוואַלד, נאַכט אָן שטערן,
טאַנץ, די גייסטער צו באַשווערן,
טאַנץ פון כישוף, פון מגפה,
ווילדער טאַנץ אַרום אַ שרפה.
פויק און פלייט און סאַקסאָפאָן,
אונדזער טאַנץ איז טשאַרלסטאָן.

פּאַריז, 1929.

אין דער נאַכט פון ניי־יאָר

וואָס איז די פרייד?
וואָס רוישט די שטאָט פון וויטן?
ס׳איז האַלבע נאַכט און ניי־יאָר ווערט געפייערט.
מען האָט די אייביקייט צעמאָלט אויף קליינע צייטן
און יעדעס טיילכעלע באַצייכנט מיט אַ נומער,
און יעדער נייער נומער ווערט באַגריסט,
און יעדער אַלטער אויסגעקערט אין מיסט.
אַלץ וואָס מען האָט דורכן יאָר געגלויבט,
געהאָפט, געטאָן, געחלומט און געלויבט
אַלץ וואָס מען האָט געזאָגט, געהערט
איז, קענטיק, גאָרניט ווערט.
— אָ, גאָט צו דאַנק, דער אַלטער יאָר פאַרשווינדט! —
מען איז געוואָרן עלטער מיט אַ יאָר,
עס האָט דער שניי שוין צוגעדעקט די האָר.
עס קומט אָבער אַ נייער איצט, אַ קינד,
און וועט דאָס אַלטע אָנהויבן פון ס׳ניי.
נו, שלאָגט די טאַצן! בלאָזט אין די טראָמפּייטן!
גיסט אָן די בעכער און לעשט די ליכטער אויס! —
עס איז די לויה פון אַ יאָר אַ טויטן
און דער געבורטסטאָג פון אַ נייעם יאָר.

ס׳איז האַלבע נאַכט און לויטער איז דער הימל
און שטערן ביליאָנען ווינקען פון דער הויך.

עס קומען אָן ידיעות פון זונען אָן אַ צאָל —
ליכט־סיגנאַלן פון דער אומענדלעכקייט.
אָט האָט מען ערשט אַ נייע זון געפונען,
דריי מיליאָן מאָל ליכטיקער פון אונדזער זון.
דער אוניווערס האָט אַ נייע וועלט געבוירן —
אַ פייערדיקע וועלט. דאָך איז דער עשטאַפעט
צו אונדז געקומען אַ ביסעלע צו שפּעט.
עס האָט געדויערט אַ מיליאָן מיט יאָרן,
ביז דער שטראַל פון די ווייטע הויכן
האָט צו אונדז געקאָנט דערגרייכן,
לויפנדיק בלויז הונדערט זעקס און אַכציק טויזנט מייל
אין אַ סעקונדע.
ביי גאָט איז דאָס אַ ווייל,
אַ פינטל מיטן אויג,
ביי אונדז אַן אייביקייט.

שטייסטו און וואונדערסט זיך אויף דער דאָזיקער חיה
מיטן נאָמען מענטש
וואָס האָט אַמאָל געשטעלט זיך אויף די הינטערשטע פיס
און פלוצלונג דערזען דעם הימל מיט די שטערן
און האָט אַזוי פאַרקוקט, פאַרגאַפט זיך אין דער אייביקייט,
אַז ער איז שוין געבליבן שטיין אַזוי —
דעם הימל אין די אויגן,
די חיה אינעם בלוט.
איינס האָט צו גאָט געצויגן,
דאָס צווייטע צו דער ערד.
דאָס אומגליקלעכסטע וועזן אויף דער וועלט
וואָס האָט גאָט געזען און קאָן אים ניט פאַרשטיין,
די אייביקייט דערזען און דאָך געבליבן שטיין,
געשמידט, גלייך ווי די חיה, אין קרייז פון די סעזאָנען —
האַרבסט און ווינטער, פרילינג, זומער,
וואָס האָט, דוכט זיך אַ שפּראַך און איז אַ שטומער,
וואָס קאָן אַליין ניט רעדן און קאָן זיין פריינד ניט הערן,
וואָס שלאָגט זיך אום מיט גאָט, מיט זיך און מיט זיין נעכסטן,
וואָס איז נידעריק און קליין און רייסט זיך צו דעם העכסטן,

וואָס ציילט, און וועגט, און מעסט די שטערן
און קאָן ניט וויסן דעם סוף פון זיינע יאָרן.

ס׳איז האַלבע נאַכט און שטייסט אַליין
אין מיטן אַ פאַרשנייטן פעלד.
דער הימל אויבן איז טיף און קלאָר,
פון ווייטן שלאָגט דער טורעם־זייגער צוועלף.
און יעדער קלאַנג פון גלאָק
טראָגט זיך דורכן שווייגן מיט אַ ברומען,
גלייך ווי דאָס רוישן פון אַ ווייטער שטאָט —
אַ געמיש פון פרייד, געלעכטער, האַס און קלאָג,
אַנגסט־געשרייען און אַ געבעט צו גאָט,
באַגלייט מיט גראָבע רייד, מיט לעסטערונג און שפּאָט.

עס שטייט דער אורמענטש ריזיק, גרויס
אויף ביידע פיס, דעם קאָפּ אין הימל
און שלאָגט זיך מיט די פויסטן אין זיין האַריקער ברוסט.
עס שרייט אין אים זיין בלוט,
עס וויינט צו גאָט זיין בענקען,
און צווישן חלום און וואָר
בעט ער צו גאָט, ער זאָל אים שענקען
פון אינערלעכן פרידן אַ נייעם יאָר.

אויף א דאך־שטיבל

פיר ווייסע ווענט און דער פענצטער צום הימל.
שטיל ציען די וואָלקנס פאַרביי.
מיט אָפענע אויגן פאַרוויגט אין אַ דרימל
שוועב איך מיט זיי אין דער פריי.
מיט אָפענע אויגן און שלאָפיקן ווילן
בין איך, ווי גאָט, אַזוי פריי.

דאָרט טיף רוישט די שטאָט מיט מיליאָנען פון רעדער.
ווי אַ בלינדער צום מילשטיין געשמידט
אין צוואַנג פון זיין שטרעבן, גייט רונד אַרום יעדער,
ביז דער טויט שטעלט אים אָפּ אין דער מיט.
אין צוואַנג פון זיין שטרעבן גייט רונד אַרום יעדער,
ווי אַ בלינדער צום מילשטיין געשמידט.

וואויל איז די, וועלכע שטייגן אויף איינזאַמע וועגן,
ווי אַ וואָלקן מיט ווינטיקע טריט,
און פאַלן, ווי טראָפּנס, אַראָפּ אין אַ רעגן
אויף אַ חלום אַ גרינעם, וואָס בליט,
און ווילן ניט וויסן און ווילן ניט פרעגן,
ווי אַ פויגל אַ פרייער, וואָס פליט.

פּאַריז, 1933

באוואוסטזיין

1

די קאַשטאַנען שפּרייטן שאָטן, —
גאָטס געצעלטן אויפן וועג.
אַלע וועלטן אויסגעטראָטן
אינעם אייביקן געיעג.

איצטער מעגסטו זיך שוין לייגן
אויפן גראָז אין מידן גליק,
פון דעם בלויען ליכט פאַרצויגן
פאַלט אין זיך אַריין דער בליק.

איז דאָס ניט דער גרויסער וועלט־אַל,
וועלכער ליגט אין אונדז פאַרשטעקט ?
האָבן מיר ניט אַלע שטערן
דורכגעוואַנדערט אויפן וועג ?

האָט דען ניט אין אונדז באַזונדער
יעדער אַטאָם דורכגעמאַכט
אַלע פייערדיקע וואונדער,
וועלכע ווינקען אין דער נאַכט ?

2

אין דער לופט גייט אויף אַ שווייגן,
יעדעס גראָז ווערט ריזיק גרויס ;

און אין שווייגן נעמט אַלץ שטייגן
פון דעם ענגן קרייז אַרויס.

אין נשמה מאַכן אויף זיך
נייע פענצטער פול מיט שיין,
און מיר קוקן דורך די פענצטער
אין דער אייביקייט אַריין.

איז דען ניט דאָס גאַנצע וויסן
בלויז דערינערונג געווען ?
די אַנטדעקונג — נאָר דערמאָנונג,
וואָס מיר האָבן שוין געזען ?

אַלע סודות, וואָס פאַרבאָרגן,
לויערן אין אונדז פון לאַנג,
די דערפינדונגען פון מאָרגן —
אונדזער אַלטער וועלט־געדאַנק.

3

טיפער, טיפער ווערט דער הימל,
ווייטער, ווייטער ווערט דער רוים
און צוקאָפּנס שטייט אַ בלימל
און דער ווינט באַוועגט אים קוים.

איצטער איז די רו געקומען
און די רו איז דער געדאַנק,
וואָס דערהויבט אונדז העכער איבער
די נויטווענדיקייט און צוואַנג.

קרייזן, קרייזן די אַטאָמען
אין דעם רוים און אין דער צייט,
אָן אַ צאָל און אָן אַ נאָמען
פון איין וויט צום צווייטן וויט.

אָנגעפּירט פון די געזעצן,
בלינד געיאָגט פון ראָד צו ראָד;
בלויז איין רגע פון באַוואוסטזיין,
און דו ביסט אַליין אַ גאָט.

דאַן באַפרייט זיך די מאַטעריע
פון געצוואונגענעם געיעג
און בלייבט שטיין אין דער באַטראַכטונג
פון איר ווייטן שטערן־וועג.

4

שטילע נאַכט. עס בלייכט דער מילך־וועג
און אין דיר די גרויסע רו;
איבער וועלטן, איבער צייטן
דענקט אַ גאָט, און דאָס ביסטו.

פּאַריז, 1937

VI

***

מיין פֿאָלק עס געהערט מיין נשמה דיין טרויער,
אַזוי ווי די שכינה אין שוואַרצן פֿאַרהילט,
וועט זי אייביק זיצן מיט בענקשאַפֿט דערפֿילט
ביי דיר אויף דיין אַלטן צעוואָרפֿענעם מויער...

און דאָרט, אויף די חורבות פֿון בלאַסלעכע שטראַלן
וועט זי איינזאַם שפּינען מיין צערטלעכעס ליד
וואָס וועט דיך דערגרייכן פֿאַרחלומט און מיד
און שטיל אין נשמה, ווי פּערל צעפֿאַלן...

מיין ליד וועט אַן איינזאַמע תּפֿילה דיר ווערן,
אַ בעכער פֿאַר דיינע פֿאַרלאָזענע טרערן;
מיט אים וועסטו וועבן דיין טרויעריקן ניגון,
מיט אים וועלן מאַמעס די קינדער פֿאַרוויגן...

וואָלקאָוויסק, 1909.

א צער פון טויזנט דורות...

אַ צער פון טויזנט דורות ליגט אויף מיר,
די גרויסע פּיין געשטעמפּלט האָט מיין שטערן.
מיין טייערע, ווער ווייסט, צו איך וועל ווען
דעם שופר פון מיין אויסלייזונג דערהערן!

מיין טייערע, איך ווייס נישט וואָס איז שווער,
צו הבלס טויט, צו קינס לאַנגעס לעבן,
נאָר מיך באַשטראָפט אין צווייען האָט מיין גאָט:
ער האָט דעם צער פון ביידע מיר געגעבן.

אַליין בין איך פון אַלעמען פאַרשעמט
און טראָג אויף זיך די זינד פון אַלע מענטשן.
וואו נעמט מען, זאָג, די כוחות פון אַמאָל, —
אין פייער גיין — און גאָט פון דאָרטן בענטשן!

ווילנע, 1912.

פּאָרויס איז גאָר נישטאָ

פּאָרויס איז גאָר נישטאָ, דער וועג וועט זיין אומענדלעך...
באַהאַלט זיך ערגעץ וואו און גיב זיך אָפּ דיין טרוים.
נישט וואַרט אויף אים, מיין פריינד, ער וועט צו אונדז נישט קומען —
דערשלאָגן ליגט ער ביי די טויערן פון רוים.

נישטאָ קיין רחמים מער; דער הימל איז פאַרשלאָסן;
די שכינה איז אַוועק, געלאָזן אונדז אַליין.
און גרויס איז אונדזער צער, ער שטייגט אַריבער וועלטן,
און מיר, מיר זיינען מיד אַנטקעגן אים און קליין.

דער זיידע איז שוין טויט, די ליכט אין שול פאַרלאָשן,
דאָס לעצטע אויג פאַרמאַכט, די לעצטע וואַנט צעשטערט.
איין טרייסט איז נאָר פאַראַן: עס וועט מיט אונדז צוזאַמען
אויך אונטערגיין די לעצטע גאולה פון דער ערד.

ווילנע, 1912.

פאר דיינע אלטע חורבות...

פאַר דיינע אַלטע חורבות שטיי איך פול מיט מורא
און גלויב, עס וועט אין זיי אַ גרויסער נס געשען...
ווער ווייסט, צו שרייבט מען איצט נישט דאָרט אַ נייע תורה
און פּלוצלונג וועט די וועלט אַ נייעס ליכט דערזען.

ניין, ניין ניט קלאַפּ, ניט רוף אין פרעמד פאַרמאַכטע טירן —
אַ נייער נביא וועט נאָך אויפטרעטן דיין שוועל
און וועט די גאַנצע וועלט אין דיינע וועגן פירן
און הייסן טרינקען פון דיין אַלטן וואונדער־קוואַל.

אַ, גאָט, דערנענטער שוין דעם נס, און זאָל ער קומען, —
עס בייגן זיך די קני פאַר מידקייט און צער.
זאָל ווידער אויפבליען דער וואַנדערשטאָק מיט בלומען,
זאָל ווידער אויפטאָן זיך דער העלער רחמים־שער.

ווילנע, 1912

שבת חזון

אין שוואַרצן טו זיך אָן, מיין פריינד,
און גיי אַרויס מקבל זיין
די מלכה שבת מיט דיין צער
אין שטילן, ראָזן נעילה־שיין.

און ווען זי וועט מיט שטילע טריט
אַדורכגיין אונדזער אָרעם גאַס,
צינד אָן מיט טרויער אירע ליכט
און זאָל דיין אויג פאַרבלייבן נאַס.

און נאָכדעם גיי אַרויס אין פעלד
און הער זיך צו צום אָוונטקלאַנג
און זאָג: דער פרעמדער גאָרטן בליט,
פאַרוועלקט איז אונדזער שוין פון לאַנג.

און זאָג: די חורבה איז פאַרלאָזט,
עס ברומט שוין נישט אין איר קיין טויב;
דער שיינער טרוים פון אויפבויען
דערשטיקט האָט זיך אין אַלטן שטויב.

און ווען עס וועט דער לעצטער שטראַל
פאַרגיין, דאַן קום אין שול צוריק,
באַהאַלט זיך אין אַ ווינקל שטיל
און האַלט אַראָפּגעלאָזט דיין בליק.

אין שוואַרצן טו זיך אָן, מיין פריינד,
און גיי אַרויס מקבל זיין
די מלכה שבת מיט דיין צער
אין דעם נאָך בלאַסן נעילה־שיין.

וואָלקאָוויסק, 1910.

* * *

יעדער מענטש האָט דאָך אין הימל זיין שטערן,
יעדן איז אונטן זיין ווינקל באַשערט —
פאַלן צו שאָטנס, דאַן טרייסט אים דער הימל;
ציען זיך וואָלקנס — פאַרוויגט אים די ערד.

בלאָנדזשעט ער — פרעגט ער דעם וועג ביי די שטערן;
ווערט ער פאַרמאַטערט, דאַן זוכט ער זיין וויג;
מער נישט איך איינער האָב ביידע פאַרלאָרן,
ביידע באַשיצער פון מענטשלעכן גליק.

אומזיסט הייב איך אויף מיינע אויגן צום הימל,
אומזיסט זוך איך רו אינעם בלעטער־גערויש —
אייביק וועט בלייבן מיין אויג אָן אַ שטערן,
אייביק וועט בלייבן מיין קאָפּ אָן אַ שויס.

ווילנע, 1910.

פאר א מאָנאסטיר

הויכע, ווייסע ווענט און קליינע שטילע פענצטער,
ערטערווייז מיט פאַרהאַנגען פון גרינס פאַרשטעלט;
אַ צאַרטער, ראָזער שיין, אַ מילדער ווינט פון אָוונט —
דאָס איז פון טרוים און רו דער אייביקער געצעלט.

אַט פלאַמט אין יעדעס פענצטער אויף אַ קליינעם ליכטל
און אויף דיביימער פליסט דורך זיי אַ שטיל געבעט;
עס ציטערט אויף אַ גלאָק און שיקט אַ גרוס די פעלדער
און ס׳דוכט מיר, אַ מאָנאַך שטייט אויף פאַר מיר און רעדט:

„אַלע, אַלע ערטער האָבן מיר פאַרנומען,
אַלע וועגן האָבן מיר פאַרשטעלט פאַר דיר...
דו וועסט מוזן, ליבער, דו וועסט מוזן קומען,
ווי אַ וואַנדערער קלאַפּן שטיל אין אונדזער טיר.

ווען דו וועסט פאַרלירן דאָרט דאָס לעצטע ווינקל
און קיין בליק וועט מער נישט גלעטן דיין געזיכט,
דאַן וועסטו אין אונדזער פענצטער זען אַ פינקל,
אין דיין קאַמער וועט זיך אָנצינדן אַ ליכט.

קיינער, קיינער וועט נישט שטערן דיר דיין רוע, —
מער נישט, ווי די גרינע ביימער רוישן דאָ,
דורכן פענצטער וועסטו זען נאָר פעלדער תבואה
און דעם אומבאַגרענעצטן, טיפן הימלבלוי.

דו וועסט אַלץ פאַרגעסן, דיינע טרוימען וועלן
פון דיין פאָלק דעם חורבן נישט באַווייזן מער;
אַ פאַרוועלקטע ליליע אין אַ כוס מיט וואַסער
וועט בשעת דיין תפילה איינזאַפּן דיין טרער.“

ווילנע, 1911.

צווישן די זאַנגען

צווישן די זאַנגען
פון טרויער געפאַנגען,
זוך איך אַ שטעגל וואָס פירט צו אַ היים.
די זון איז פאַרגאַנגען...
עס טראָגן זיך קלאַנגען
פון קלויסטער צו מיר
און זאָגן:
„ביי אונדז איז אַ היימאָט פאַר דיר...
עס שטייט אונדזער טורעם,
באַשיצט פון אַ שטורעם
מיט דעמבעס אוראַלטע
וואָס היטן זיין רו.
מיר וועלן דיך וויגן,
אויף גראָז וועסטו ליגן,
עס וועט אונדזער ניגון
דיר וועבן דעם חלום
פון אייביקער רו...“

די קלאַנגען זיי זיינען געוואָרן אַנטשוויגן —
איך זע נאָר דעם גאָלדענעם צלם פון טאָל.
ער פינקלט אין פורפור
און ברענט, ווי אַ פלאַקער
און שפריצט אויף די ביימער מיט בלוט און מיט שטאָל.
אָט דוכט מיר אין שאָטנס צווישן די שטאַמען
שטייט אויף מיטן נאַכטיקן נעפל צוזאַמען
אַ גרייז־גרויער מאַן מיט אַ שטעקן אין האַנט.
די אויגן פול טרערן, מיט בלוט אויפן שטערן,
איין האַנט אין דער לופטן, ווי זי וואָלט זיך ווערן
אַנטקעגן דער ווייסער, דער קלויסטערשער וואַנט.
אָט עפנט זיך, דוכט מיר, דער טויער פון קלויסטער,
פון וייטן באַווייזן זיך רייטער אויף פערד:
אַ פריער רייט איינער, פאַרוויקלט אין שוואַרצן,

עס פלאַמט, ווי אַ פאַקל, זיין שטאָלענער שווערד.
עס טראָגן זיך טענער פון אָרגל.
דער רייטער דערנענט זיך צום אַלטן וואָס ציטערט פאַר שרעק...
עס וואַרפט די לבנה איר זילבערנעם אָפּגלאַנץ
און ווייזט אים צווישן די שטאַמען דעם וועג.

עס טראָגן זיך טענער, עס צינדן זיך ליכטער,
עס פלאַמען די פענצטער פון קלויסטער אַרום.
אַט הויבט ער, דער שוואַרצער, זיין שווערד אויפן אַלטן, —
דער אַלטער ווערט שטאָלצער, פאַרגליווערט און שטום.
עס שלייכן מאַנאַכן, פאַרוויקלט אין ווייסן,
עס ציען זיך מאָגערע פינגער און רייסן
אומשולדיקע ליליען פון טויאיקן גראָז.
די שווערד האָט דערגרייכט ביזן ברוסט פון דעם אַלטן, —
עס רוקט זיך זיין ברוסט צו דעם שאַרף צו דעם קאַלטן,
די ליפּן זיי פלוכן דעם שוואַרצנס געבאָט.
עס שימערט דאָס בלוט אויף די ליליען די ווייסע,
עס ציטערט דער קלויסטער פון לעצטן „אחד“!
— — — — — — — — — — — —
די נאַכט איז אַראָפּ
און פאַרלאָשן די שטראַלן, —.
דאָס בילד איז פאַרשוואונדן...
לעם מיר אויף אַ זאַנג
האָט שטיל זיך צעפינקלט אַ טראָפּן אַ קלאָרער
און קוקט אויף מיר עלנט, און קוקט אויף מיר באַנג.
און ערגעץ פון וויטן דערגרייכט מיר אַ בת־קול
אַזוי ווי אַן עכאָ... מיר דוכט אַז איך הער:
זוך ווייטער דיין היימאַט;
נישט דאָ וועסטו רוען,
וואו ס׳טראָגן זיך תפילות
ביים גלאַנץ פון געווער,
וואו יעטווידער קלאַנג איז דיין זיידנס אַ קללה
און יעטווידער טראָפּן — דיין זיידנס אַ טרער.

ווילנע, 1911.

סיקאַריער בלוט

אין מיינע אָדערן שטראָמט סיקאַריער בלוט
און אַלע נאַכט הער איך די אָדלער שרייען.
אוראַלטע פעלדזן שטעט, זיי שטייגן אויף אין גלוט
פון אָוונט רויט, — גראַניט געהאַקטע רייען.
די טורעמס גליען.
אויף שוואַרצע, ווילדע פערד
דאָרט טראָגן זיך פאַרביי געהיימניספולע רייטער.
דער שטורעם פייפט און פינצטער ווערט די ערד

און שרפות צינדן זיך ביים האָריזאָנט אַלץ ווייטער.
ווער זענט איר, זאָגט, פאַרצווייפלטע געשטאַלטן
מיט שטאָלצע פּנימער, באַקאַנט און אומבאַקאַנט?
מיין צאָרן ליגט אין אייער בליק באַהאַלטן,
עס שפּיגלט דאָרט אַן אייביק וועלטן־בראַנד.
מסדה ברענט, — מיין לעצטע פעלדזן־שטאָט, —
נאָר קיין שום פייער קאָן זי ניט צעשטערן;
איר אָפּגלאַנץ וואַרפט מיין שאָטן אויף דער וועלט,
גלייך ווי אַ קרייץ וואָס טונקלט אויף די שטערן.

די נאַכט פאַלט צו, אין בלויע וואָלקן שפּאַלטן
נעמט שטיל אַ האַנט די גרינע פונקען צינדן.
עס שרייט מיין בלוט, איך הער די אָדלער רופן.
די שוואַרצע רייטער גריסן און פאַרשווינדן.

פּאַריז, 1928.



וויאָלעט

אויסגעמישט האָט זיך מיין בלוט מיט הימל, —
בלוי און רויט —
מיין פאַרב איז וויאָלעט.
אָוונט־שאָטנס, דורכזיכטיקע שלייער
האָבן קיל דעם מדבר אויסגעבעט.
נאַקעט וויגן פריסטערינס פון מדין
אויף די ברוינע בריסטן מיין געבעט.
ווען איך האָב צומאָרגנס ווייסע טויבן
שטיל געשאָכטן פאַר די אָוונט־זינד,
שפריצנדיק דאָס בלוט צום בלויען אויבן,
האָב איך אויך מיין נאַכט געבעט דערהויבן
און געוואָרפן עס צום הימל בלינד.
בלוט און הימל — וויאָלעטע תהומען —
בלינדער פאַרב,
געמישט פון טאָג און נאַכט,
וואַנדער איך אַזוי מיט מיינע טרוימען
האַלב אין שלאָף
און האַלב, ווי אויפגעוואַכט.
צינד איך אָן אַ וועלט אין רויטן צאָרן,
היל איך איין אַ וועלט אין בלויער רו,
און צווישן ביידע וועלטן בליען
מיינע אייביק יונגע וועג־פיאַלקעס, —
טרויער דו און הייסע בענקשאַפט דו.

גייסטער און פאַרמעט

דורות פון פּרושים, גייסטער אין פּאַרמעט,
אויגן ווי פלאַמען אויף וועקסענע ליכט,
איך פיל זייער בליק, ווי דורך צער און חרטה,
די זינד, ווי אַ שלאַנג אַ געפּייניקטע קריכט.
אַ, דער סם אינעם גלוט!
אַ, די נעכט אין מיין בלוט
אַן אָטעם, אַן קלאַנג און אַן שטערן.
און פון חושך אַרויס
גליט די נאַקעטקייט בלויז
פון לילית, פאַרפּייניקט ביז טרערן.

אָפּט צעשפּרייט זיך אין לופט,
ווי אַ לינדבוים דופט
און עשתרות, — די ברוסטן אין זאַלב,
יעדער פינגער אַ וואונק,
יעדער בליק, ווי אַ פונק
און אַן אימה פון יעטווידער פאַלב.

ביי איר נאַקעטן פוס
מיט אַ פינצטערן גרוס
האָב איך צוויי מאָל מיין ליבע געשאָכטן,
און האָב צוויי מאָל געבענטשט
מיין באַגער און זיין טויט,
און מיין לוסט מיטן קבר פאַרפלאָכטן.

דורות פון פּרושים, גייסטער אין פּאַרמעט,
אויגן, ווי פלאַמען אויף וועקסענע ליכט.
איך פיל זייער בליק, ווי דורך צער און חרטה,
די זינד, ווי אַ שלאַנג אַ פאַרפּייניקטע, קריכט.

פאַריז, 1928

אָוונט גאַנג

טראָט ביי טראָט, טראָט ביי טראָט,
יעדער טראָט אַן עשאַפּאָט.
טיגער־אויגן, גרינע שטערן
און די שטילקייט וויינט אָן טרערן.

גיי איך מיט מיין דאָרן־קראַנץ
אין דעם רויטן אָוונט־גלאַנץ,
ווי אַ קלייד אין בלוט געטרונקען
איז אויף מיר דער טוי געזונקען.

אַזוי גיי איך אונטערטעניק
אינעם פּורפּור פון אַ קיניג
מיט מיין טויזנט־יאָריקער לאַסט
צו דעם שוואַרצן נאַכט פּאַלאַסט.

ווי די גרויע קראָען שרייען!
באַלד וועט מיך די נאַכט באַפרייען
און מיט קאַלטן וואַלד־געוויש
מיך פאַרוויגן אין איר שויס.

פּאַריז, 1928.

בלינדע מיט אָפענע אויגן

בלינדע מיט אָפענע אויגן
קוקן אויף פינצטערע הימלען,
זעען צערונענע וואָלקנס,
ציילן פאַרלאָשענע שטערן.

בלינדע מיט אָפענע אויגן
גייען דורך גאַסן, ווי זעערס,
גריסן אין בלייכן באַגינען
לאַנג שוין פאַרגאַנגענע זונען.

בלינדע מיט אָפענע אויגן
שטייען ביי פינצטערע ברעגן,
וואַרפן אויף ריזיקע תהומען
לאַנג שוין דורכגעטראָטענע וועגן.

בלינדע מיט אָפענע אויגן
לאָזן נאָך זיך ניט קיין צייכן,
האָבן ניט וואָס צו פאַרלירן
און קאָנען צו גאָרנישט דערגרייכן.

פאַריז, 1926.

יאוש

יאוש, דו, שפּרייט אויס די פליגל ברייט,
פאַרטראָג מיך צו די ווּיסטע וואַסער־טיפן,
וואו ס'שפּילט דער צפון שטורעם־ווינט זיין ליד
אויף זעגל־שטריק פון זינקענדיקע שיפן.

מיך שטיקט דער עקל דאָ אין מתים־טאַנץ,
די ווערעמדיקע תאווה צו דעם לעבן.
גיב מיר אַ נאַכט אין אַ פאַרשאָטן שאַכט,
איך וויל דעם טויט מיין לעצטן קאַמף דאָרט געבן.

איך האָב מיט גאָט די רעכנונג געמאַכט, —
מיין אייביקייט האָב איך מיט בלוט באַשפּינעוועט,
זיין ברכה טראָג איך גלייך, ווי קינס שאַנד,
מיין שיקזאַל איז דעם הימלס גרעסטער ליגן.

עס שטייט אין וועלט אָן אַלט פאַרדאַרטער דעמב
און איך, איך בין זיין לעצטער צווייג געבליבן,
נאָך גרינט אַ בלאַט אויף מיר, דאָך האָט דער האַרבסט
אויף אים זיין געלן אורטייל שוין געשריבן.

אָ, וואָלקנס דאָרט אין צאָרן אויפגעקנוילט,
שיקט איר אַראָפּ דעם לעצטן בליץ פון אויבן,
שלאָגט איין אין דעמב און לאָזט מיך מיט זיין פלאַם
צו אייער ווילדן שטורעם זיך דערהויבן.

פאַריז, 1929.

אין שענק

די שענק איז פוסט; די בענק אַרום צעשליידערט;
די טרינקער זיינען אַלע שוין אַוועק;
אַ קליינעס לעמפּל רויכערט אין אַ ווינקל;
די גלעזער שטייען ליידיק ביזן דעק.

אין דרויסן קלאַפּט דעם וועכטערס קאַלעקאַטקע.
די גאַנצע שטאָט פאַרזונקען ליגט אין שלאָף,
נאָר איך אַליין, געבויגן איבערן בעכער,
איך זויף, און טרינק און שיכור אָן אַ סוף.

וואָס מער איך טרינק, אַלץ ניכטער ווערט מיין מוח;
וואָס מער איך זויף, אַלץ קלערער מיין געדאַנק, —
איך זע די שטערן לייכטן דורכן באַלקן,
איך זע די קברים אָפן אונטערן באַנק.

נאָר פּלוצלונג, זע, עס שטייט פאַר מיר דער שענקער
אַ קליינער הויקער מיט אַ גרויסן מויל,
די שוואַרצע ציין, זיי שטשירען פונעם גומען
און ס׳קריפּעט, ווי אַן אַלטע טיר, זיין קול.

העי, טרינקער, דו ביסט דאָך געבענטשט מיט שפע.
דיין בעכער, זע איך, קוועלט דאָך, ווי אַ קוואַל —
עס איז אַן אַלטער ווין דריי טויזנט יעריק,
געווירצט מיט גיפט און קינס גרינער גאַל.

דו וועסט מיט אים דיין טרויער ניט פאַרטרינקען,
דו וועסט מיט אים ניט שיכור ווערן מער.
עס איז דיין בלוט, עס רינט דיר פון די אויגן;
עס איז דיין גאַל און דיין געווירצטע טרער.״

פאַרענדיקט האָט דער הזיקער זיינע ווערטער.
און פלוצלונג האָבן זיך פון אַלע ערטער
אַ מחנה טרינקער שטיל געטאָן אַ הויב,
געשפּענסטיק בלאַס מיט טרויעריקע אויגן
און יעדער האָט זיין בעכער אויפגעהויבן
און אויף דער ערד צעשמעטערט אין אַ שטויב.

פּאַריז, 1928.

פאַרצווייפלונג

ניט אונדזערעליידן וויל איך איצט באַוויינען;
אַזעלכע טרערן פאַלן ניט אַראָפּ, —
זיי ווערן אָפּגעהיט, ווי פּערל אין די קרוינען,
וואָס נאָר מאַרטירער טראָגן אויפן קאָפּ.

זיי וויל איך ניט פאַרגיסן אויף די שטיינער
פאַר אויגן פול מיט חוצפה און מיט שפּאָט;
וואָס איידעלער אַ טרויער איז און ריינער,
דעם גיסט מען אויס באַהאַלטן נאָר פאַר גאָט.

געבענטשט זיי, איינזאַמקייט פון אָוונט שטילע,
ווען קיינער זעט און הערט ניט דיין געוויין
און ווי אַן אונטערערדיש קוואַל, — דיין תפילה
שטראָמט אויס די טיפן פאַר זיך און אַליין.

דעם טאָג אָבער דעם העלן און דעם פרעכן,
דעם גילטן זאָל מיין צאָרן און מיין האַס,
וואָס קאָן די לוחות אויף אַ פעלדז צעברעכן,
די הויט פון זיך אַראָפּשינדן פאַר כעס.

וואָלט איך געקאָנט דאָס דאָזיק פאָלק פאַרדאַמען,
פאַרלייקענען מיין אייגן פלייש און בלוט
און ערגעץ אויף אַן אינדזל אין די ימען
דאָרט לעבן מיט די חיות שטיל, באַרוט;

נאָר ניט דאָס בילד פון לעסטערונג צו קוקן,
ניט זען דעם יאָמערלעכן אונטערגיין —
גאָטס אויסדערווײילטן פאַר די געצן בוקן,
דעם קניענדיקן כהן פאַר אַ שטיין,

דעם הייליקן אין טאַנץ מיט גאָסן־פּרויען,
דעם פּרוש פאַר אַ גרויסן טאָפּ מיט פלייש,
ניט הערנדיק די וועלף אַרום, וואָס וואָיען,
נאָר פרעסנדיק ביז אין דעם צענטן שוויס.

אַ גאָט, פאַרוואָס בין איך אַזוי געבוירן
און צוגערעכנט צו אַזאַ מין דור,
וואָס שניידט אויף זיינע פעלדער בלויז דעם דאָרן
נאָך לאַנגער מי און שווערע אַרבעטס־יאָרן?

און אפשר האָבן מיר ניט טיף געגראָבן,
און אפשר זיינען פויל געווען די זוימען,
ניט דאָס פאַרזייט, וואָס אונדזער ערד דאַרף האָבן,
ניט יענע האָפענונג, ניט יענע טרוימען.

פאַרפאַלן, גאָט, דיין שטראָף איז שנעל געקומען,
נאָך שנעלער, ווי מיר האָבן עס געדאַכט.
איצט שטייען מיר אין מדבר אינעם שטומען
און וואַרטן אויף דער טיפער, לאַנגער נאַכט.

אפשר אויפגיין וועט נאָך יענער שטערן,
וואָס האָט אַזוי אונדז טריי געצייגט דעם וועג?
אפשר וועלן ווידער מיר דערהערן
דעם אָנזאָג פון די קומענדיקע טעג?

באָסטאָן, 1942.

כל נדרי

מלכותדיקע טענער,
אָרגל ברום פון אַלטע קאַטעדראַלן,
איר רוישט, גלייך ווי דער ים
ביינאַכט צווישן פעלדזן
און טרייסלט אויף מיט אייער
פּייערלעכן שאַלן
אין אָפּגרונט פון מיין בלוט
דאָס אַלץ וואָס ליגט
פאַרזונקען דאָרט און רוט.

ווי קלינגט איר פרעמד
אין הייזעריקע שרייען,
ווי אַ כאָראַל פון דונערן וואָס שוועבט
איבער אַ קלאָגן פון אַלטע שוואַכע ווייבער.
איך זע געשטאַלטן, צאָרנדיק פאַרשעמט,
פאַראַכטונג פול
און עקל,
און פאַרדרוס, —
זיי גייען דורך די שול,
ניט שענקענדיק קיין גרוס.

דאַן פיל איך, ווי אַן אָטעם
קאַלט געפראָרן
לעשט אויס די טויטע ליכט
פון טויטע יאָרן
און דורכן חושך, —
ניין,
ניט קיין געבעט, —
אַ דונערן פון שפּאָט,
אַ לעסטערונג
וואָס האַמערט אינעם הימל,
אַן אויפשטאַנד קעגן גאָט,
אַ צווייפל בליץ
וואָס שטייגט פון עשאַפאָט!

פאַריז, 1926.

י י ד י ש

ווערטער אין תמימות,
קינדערשע ווערטער
זיינען געוואַקסן,
ווי גראָז אויף די ערטער.

שמעקעדיק, זאַפּטיק,
אין טוי פון פרימאָרגן
האָבן זיי איינער
דעם צווייטן פאַרבאָרגן.

שטיל זיך געסודעט,
פאַרשעמט און באַשיידן,
מער ניט דער ווינט
האָט געוואוסט וואָס זיי ריידן.

אַמאָל נאָר פלעגט קומען
אַ דיכטער פאַרלאָזן
און שטיל זיך געלייגט
אינעם שויס פון די גראָזן.

דאַן פלעגן זיי פלוצלונג
ביי אים אין די טרוימען
צעוואַקסן אין וועלדער
פון אוראַלטע בוימען.

וואָס האָבן אין גרינעם,
אין הייליקן שוויגן
דעם הימל געצערטלט
מיט זייערע צווייגן.

אָ, זאַפטיקע לאָנקעס
פון מיינע חלומות,
איך האָט מען צעקאָסעט
אויף גראָז פאַר בהמות.

איצט וויקלט איך איינעט
אַ הימל אַ גרויער
און איבער זיי נידערט
דער טוי פון מיין טרויער.

פאַריז, 1926.

לאָזט אונדז ווייגען

לאָזט אונדז ווייגען אין די ווינקלען —
יעדער מענטש פאַר זיך אַליין.
אין דער איינזאַמקייט צעפינקלען
זיך די טרערן הייליק ריין.
צופיל גרויס איז יעדנס אומגליק,
אַז אַ צווייטער זאָל פאַרשטיין.
לאָזט אונדז ווייגען אין די ווינקלען —
יעדער מענטש פאַר זיך אַליין.

לאָזט אונדז שווייגן אויף די קברים,
ווי די מתים שטומע דאָרט —
פאַר דעם סוד וואָס זיי באַהאַלטן
ווערט פאַרגליווערט יעדעס וואָרט.
נאָר די שטיינער קאָנען שרייען
פון דעם שוידערלעכן אָרט.
לאָזט אונדז שווייגן אויף די קברים,
ווי די מתים שטומע דאָרט.

לאָזט אונדז אין די ווינקלען טראַכטן —
פרעגט נישט קיינעם וואָס מען טראַכט, —
אַזוי טראַכט אין זיין פאַרמאַכטן
קאַמער אין דער לעצטער נאַכט
אַ פאַרמשפּטער צום תליה
און אַ זעלנער פאַר דער שלאַכט.
לאָזט אונדז אין די ווינקלען טראַכטן —
פרעגט נישט קיינעם וואָס מען טראַכט.

בערלין, 1922.

פאַרשוועכטער שווייגן

וואָלט אונדז דאָס בלוט אין די ליידן דערהויבן,
וואָלט עס אַ ליכט אין אונדז הייליק געצונדן —
דאַן וואָלט איך גלויבן,
דאַן וואָלט איך גלויבן
און מיט אַ שמחה געבענטשט מיינע וואונדן.

וואָלט אונדז די שאַנד, ווי אַ קרבן גערייניקט,
וואָלט איך עס שטאָלץ אויפן שטערן געטראָגן,
גלייך ווי אַ קרוין,
ווי אַ שימער פון אויבן,
גלייך ווי אַן אָפּגלאַנץ פון אייביקן טאָגן.

קברים, אַ קברים
אומענדלעכע רייען!
וואָלט אַרום איך כאָטש אַ מדבר געשטומט —
דאַן וואָלט צווישן פאַרשטיינערטע רייען
אַ דורשטיקער לייב פון נקמה געברומט.

קברים, אַ קברים
אומענדלעכע רייען!
פינצטערע אייביק פאַרצוויפלטע נעכט!
אַ, די געשרייען, די בעטלער־געשרייען, —
זיי האָבן דעם הייליקן שווייגן פאַרשוועכט!

בערלין, 1922.

דאָס פּוסטע וויגעלע

אַליע ליוליע, וויגעלע,
פּוסטע, וויסטע וויגעלע...
ווײ איז צו דער מאַמען!
געשאָכטן ליגט דאָס ציגעלע
אונטער מײן קינדס וויגעלע
מיטן קינד צוזאַמען.

אַליע ליוליע וויגעלע...
אין דעם פּוסטן וויגעלע
ליגט אַ בלאַנקער מעסער...
וויג איך שטיל דעם שטאָל און וויין:
וואָלט מײן בויך געהאַט אַ שטיין,
וואָלט עס געווען בעסער!

אַליע ליוליע וויגעלע...
אונטער מיין קינדס וויגעלע
שטייט אַ וואָלף מיט ציינער, —
קלאַפּט ער ווילד מיט זיי אַ גרויל,
רינט דאָס בלוט אים פונעם מויל
און עס העלפט ניט קיינער.

אַליע ליוליע, גרויער וואָלף,
האָסט פאַרצוקט מיין עופהלע,
צוק שוין אויך דער מאַמען.
לאָז מיך מיט מיין ציגעלע
אונטער מיין קינדס וויגעלע
בלוטיקן צוזאַמען.

בערלין, 1921.

גלאט אזוי

נישט קיין שאָל פון טראָמפּייט,
נישט קיין פאָן האָט געווייט,
נישט קיין פערד האָט געיאָגט,
נישט קיין פייל האָט געקלאָגט, —
אויפן פעלד ווייט און וויסט
גלאָט אַזוי, ווי דאָס מיסט,
האָבן מיר זיך צעלייגט,
אינעם אייגענעם בלוט אויסגעווייקט.

נישט פאַר לאַנד, נישט פאַר גאָט
האָט גערונען דאָס בלוט —
גלאָט אַזוי,
ווי אַ וואָרעם פון טראָט,
ווי אויף וועגן דאָס גראָז
אָן פּאַרוועם אָן פּאַרוואָס,—
גלאָט אַזוי...

נאָר איין זאַך טוט אונדז באַנג:
וואָלט פון אונדז כאָטש אַ שלאַנג
אויף די וועגן אַרויס
און געביסן מיט גיפט
קליין און גרויס,
סמען יעטווידער בלוט, —
נישט פאַר כעס, נישט פאַר וויי —
גלאָט אַזוי!..

בערלין, 1921.

אַב הרחמים

„דער פֿאָטער פֿון רחמים,
וואָס רוט אין די הימלען,
דערמאָנען זאָל ער
מיט זיין גרויסן רחמנות
די פֿרומע און גרעכטע,
די הייליקע קהילות,
וואָס האָבן דעם נפֿש
מוסר געווען
אויף קידוש־השם."

הייליקע ווערטער, געבאָדן אין טרערן,
ניט זאָל זיי קיין דייטשער אויער דערהערן;
ניט זאָל זיי קיין ייד אין זיין אימה פֿאַרנעמען,
ביי וועמען זיי קאָנען דאָס האַרץ ניט פֿאַרקלעמען;
און זאָל ניט קיין ייד, וואָס פֿאַרטיידיקט די רוצחים,
אַ טרייסט אין די הייליקע ווערטער געפֿינען,

נאָר פעד זאָל אים רינען, נאָר סם זאָל אים רינען
פון עקדישן, שלאַנגען און גיפטיקע שפּינען,
דערפאַר, וואָס ער האָט ניט דעם אמת דעם טיפן
פון אונדזערן צוויי־טויזנט־יאָריקן שפּאַנען
אין זיין פאַראַכטונג צו זיך ניט פאַרשטאַנען,
און תמיד פאַרמינערט, ווי אונדזערע שונאים,
דאָס הייליקע ליכט, וואָס באַשטראַלט אונדזער פּנים.

אַ האַרץ, דו מיין האַרץ,
זיי פון שטאָל, זיי פון אייזן,
קאָן אָט דער וועלט
דיין פאַראַכטונג באַווייזן.
באַהאַלט דיינע טרערן
אין הייליקן לאַגל,
מיין טראָט זאָל זיין רואיק,
און ווירדיק מיין וואָגל.
געהויבן מיין קאָפּ
און דאָס אויג צו די שטערן,
אָט די גרויזאַמע וועלט
ניט צו זען, ניט צו הערן.
דעם בליק איבער איר,
ווי זי וואָלט ניט עקסיסטירן
מיט אירע פּאַלאַצן,
פאַרשלאָסענע טירן,
מיט הערצער אָן רחמים,
מיט הערצער אָן ליבע,
מיט ווילדע אינסטינקטן,
פאַרטונקלטע, טריבע
פון בלוט און פון ערד,
און פון מאַכט, און פון מאָרדן
אין רוישיקן טומל
פון חיהשע האָרדן.

אַ האַרץ, דו מיין האַרץ,
וועגד זיך אָפּ פון דעם דרויסן
און נידער אַראָפּ אין די אייגענע טיפן.

גערענקסטו די שול אינעם שווייגן דעם גרויסן
אין אונטן שטילע ביים שיין פון נר־תמיד?
דאָס ליכט פונעם טורעם, וואָס האָט ווי געוואונקען
צו מיינע פאַרבלאָנדזשעטע איינזאַמע שיפן?
דאָרט קאָנסטו זיך שטעלן אַליין פאַרן עמוד,
פאַרהילט אינעם טלית ווי אונטער אַ פליגל,
אַראָפּרייסן פאַר זיך דעם הייליקן זיגל,
וואָס ליגט אויפן טויער פון אונדזערע טרערן,
אַז קיינער זאָל מערקן און קיינער זאָל הערן,
„בלויז יענע געליבטע און יענע געטרייע,
וואָס האָבן אין לעבן און טויט ניט געשיידט זיך,
פון לייבן נאָך שטאַרקער, ווי אָדלערן פרייע,
געגאַנגען אין פלאַם פאַרן אייגענעם גלויבן.“

אַ האַרץ, דו מיין האַרץ,
יאָ, עס גייט שוין אַריבער...
שוין צופיל די קברים,
צו אָפן די גריבער.
דער שטראָם פון רחמנות
גייט איבער די ברעגן,
רייסט דורך אַלע דאַמבן,
ברעכט דורך אַלע צאַמען
און שטראָמט, ווי אַן אויל
אויפן פלאַם פון נקמה.
ניין, ניט קיין בעטן,
ניין, ניט קיין פרעגן —
אַ געשריי צו דעם ריכטער
פון אַלע פיר ווענט.
ניין, ניט קיין וויינען,
און אויך ניט קיין קלאָגן —
עס איז אַ דערמאָנונג:
„צו וואָס זאָלן זאָגן
די גויים מיט חוזק,
געלעכטער און שפּאָט,
וואו איז אייער שופט,
וואו איז אייער גאָט?“

פינצטערע נאַכט, בלויז דער ווינט און די שטערן.
פינצטערע נאַכט. איבער סטעפּעס און ימען
אַט שלאָגט שוין די שעה
און דורך ריזיקע פלאַמען
דונערט אַ קול, ווי פון מעכטיקע שטראָמען.
עס ציטערט די ערד און עס הילכן די תהומען.
„דער ריכטער פון אומשולדיק בלוט ער געדענקט זיי,
ער האָט ניט פאַרגעסן דעם ווײ פון געדריקטע.
ער משפּט די פעלקער אויף סטעפּעס פול טויטע,
צעשמעטערטע קעפּ אויף אַ שלאַכטפעלד אַ ברייטן."
דער דאַרשטיקער אָבער נאָך משפּט און רעכט,
וואָס וואָגלט אין מדבר אַ קנעכט ביי די קנעכט
און האָט ניט פאַרלאָרן אַ רגע זיין גלויבן,
וועט טרינקען פון טייך און דעם קאָפּ זיינס דערהייבן."

ניו־יאָרק, 1943.

תשעה־באָב 1941

לאָז פליסן פריי און ברייט דיין אַלטע טרער
אויף באַרג און טאָל און אַלע ווייטע פליינען,
ביסט ניט אַליין היינט אין דיין טרויער מער:
די פעלקער אַלע העלפן דיר איצט וויינען.

האָסט יאָרן טויזנטער מיט זיי געוואוינט, —
אַ שטילער אָבער צווישן פריילעכע שכנים,
ניט האָבן זיי דיין ווייטאָק דיר געשוינט
און קיינמאָל ניט געזיפצט מיט דיר אין איינעם.

פאַרקערט, זיי האָבן דיך באַגלייט מיט שפּאָט,
ווען דו ביסט מיד, פאַריאָגט אַליין געזעסן
און אויסגעגאָסן דיינע רייד צו גאָט,
פאַרוואָס ער האָט דיך אין דיין נויט פאַרגעסן.

זיי האָבן אַרום דיר דעם האָס געזייט
און מיט דיין בלוט באַגאָסן זיינע קערנער.
איצט האָט ער זיך אויף זייער פעלד צעשפּרייט,
איצט שניידן זיי מיט טרערן זיינע דערנער.

ישראל, דו, פֿאַרגעס ניט אָט דעם טאָג, —
ער איז אַ טרויער־טאָג פֿאַר אַלע וועלט־באַוואוינער.
איצט איז דיין קלאָג געוואָרן זייער קלאָג,
איצט וועט מען שוין ניט זאָגן, דו ביסט איינער.

דעם טאָג, ווען ס׳האָט דיין אַלטע שטאָט געברענט
און אַלע הימלען רויט געמאַכט מיט פֿלאַמען,
האָט קיינער ניט פֿאַרשטאַנען און דערקענט,
אַז ס׳ברענט די גאַנצע וועלט מיט איר צוזאַמען.

זיי האָבן ניט פֿאַרשטאַנען דורות לאַנג,
אַז דו באַוויינסט אַ גרויסע וועלט־רואינע,
אַז דו באַקלאָגסט דעם גלות פֿון דער וועלט
און איבער אַלע פֿעלקער וויינט דיין קינה.

ניו־יאָרק, 1941

שבת חזון 1942

נעמט אַראָפּ דעם פּרוכת פון אָרון
און לאָזט אים אַ נאַקעטן שטיין;
ווי יאָרצייטן ברענען די ליכטלעך
פון שבת אין שטילן געוויין.

ניט באַגעגנט די מלכה פון שבת
מיט רו און מיט ליכט, און מיט גליק,
פאַרוויקלט אייך אַלע אין שוואַרצן,
לאָזט אַראָפּ אייער טרויעריקן בליק.

און צוזאַמען די גאַנצע געמיינדע
דריקט זיך אויף, ווי אין שטורעם די שאָף,
און זינגט אויס דאָס ליד פון דער ליבע
מיט אַ ניגון פון חורבן און שטראָף:

. . . גיי אַרויס, מיין געליבטער, אַנטקעגן
דער כלה פון רו און פון פרייד,
און זאָלסט ביי איר גאָרנישט ניט פרעגן,
עס ברענגט ניט קיין טרייסט אירע רייד.

גיי אַרויס, מײַן געליבטער, אַנטקעגן
דער כלה פון רו און פון פרייד,
איר פּנים פאַרשלייערט דער טרויער,
פון טרערן דורכגנעצט איז איר קלייד.

די שאָטנס, ווי שטילע פאַנטאָמען,
זיי גייען איר נאָך אירע טריט,
ווי טויזנטער קדושים אָן נאָמען,
פון שטערן דריי בלאָסע געהיט.

ניו־יאָרק, 1942

ווי וויל איך עפענען מיין האַרץ

ווי וויל איך עפענען מיין האַרץ
און אויסשפּרייטן די אָרעמס מיינע,
און אַלע זיי אַרומנעמען,
אַרומנעמען און צודריקן,
ווי יוסף גלייך די ברידער זיינע.

און נאָכדעם זעצן זיך אויף דר'ערד
און טיילן זיך מיט זיי צוזאַמען
דעם טיפן פּיין און טרייסטן זיי,
און זאָגן זיי דעם צאַרטסטן וואָרט,
וואָס איך געדענק נאָך פון מיין מאַמען.

אָ, ברידער מיינע פון שקלאַפן־לאַנד,
וואָס קומען אום, ווי שטילע טויבן,
קרבנות פאַר אַ גאַנצער וועלט,
אַ וועלט פון רוצחים, וואָס פאַרשטעלט
איר שוואַרצע שאַנד מיט אונדזער גלויבן.

ווי לייכט זיי האָבן אונדז געוואָלט
פאַרקויפן פאַר אַ פאַלשן פרידן
און מיט אַ קאַלטן האַרץ געצאָלט
מיט אונדזער בלוט פאַר זייער גאָלד
און נאָכדעם זיך געלייגט אין בעט,
און אויסגעצויגן זיך צופרידן.

דאָן האָט אַ ביטער וויי־געשריי
די שטילע נאַכט אַדורכגעשניטן;

נאָר זיי, געשלאָפן האָבן זיי,
געהערט און ניט דערהערט דעם וויי;
געטראַכט: — ניט אונדז, דאָס שעכט ער זיי,
אונדז האָט די חיה אויסגעמיטן.

אָ, ברידער מיינע אויף דער וועלט,
וואָס זיצן אין די געטאָ־צאַמען,
וואָס וואָגלען אום אין נויט און שרעק
אַריבער אַלע ווייטע ימען,
וואָס זוכן ערגעץ וואו אַן אָרט,
אַ רגע רו כאָטש צו דערגרייכן,
וואָס הערן ניט קיין גוטן וואָרט
און זעען ניט קיין בליק קיין וויכן.

הויבט אויף די קעפּ און קוקט אַרום —
די גאַנצע וועלט אין שרעק פאַרזונקען,
די חיה האָט מיט אונדזער בלוט
איר ווילדן דאָרשט נאָך ניט פאַרטרונקען.
איצט האָבן אַלע אונדזער בראָך,
איצט טראָגן אַלע אונדזער יאָך,
איצט פירן אַלע אונדזער קריג,
איצט זוכן אַלע אונדזער זיג.
איינס נאָר זעט ניט זייער בליק,
אַז אונדזער גליק איז זייער גליק.

אָ, גאָט, דאָס האַרץ איז ניט פון שטאָל
און טיף איז אונדזער יאָמערטאָל,
און ווען דאָס האַרץ ווערט איבערפול,
דאַן ווילט זיך שרייען אויפן קול;
נאָר אומזיסט איז דאָס געשריי —
די וועלט אין דונערן איז טויב.
איצט בלייבט נאָר ברומען, ווי אַ טויב
דאָרט אין דער חורבה אויפן זון,
וואָס איז פון פאָטערס טיש פאַריאָגט
און וואָגלט בלינד דורך אַ פינצטערע וועלט
און פרעגט אַיעדן, צי עס טאָגט.

איצט בלייבט בלויז שוויגן, שוויגן שטיל
און אויפזוכן אַ ברודערהאַנט
און וואַרעם דריקן זי און פעסט,
ווי צוויי פאַרשעמטע אָרעמע געסט,
וואָס טרעפן זיך וואו אין אַ שטאָט,
אַ שטאָט אַ פרעמדער, וואָס פאַרמאַכט
פאַר זיי די טירן אין דער נאַכט.
און זעצן זיך און טוליען זיך
און איינס דעם צווייטן וואַרעמען,
ביז אויפגיין וועט די ווייטע זון
און גאָט וועט זיך דערבאַרעמען.

ווי קאָן איך עפענען מיין האַרץ
און אויסשפרייטן די אָרעמס מיינע,
און אַלע זיי אַרומנעמען,
אַרומנעמען און צודריקן,
ווי יוסף גלייך די ברידער זיינע.

ניו־יאָרק, 1942

די קרעטשמע פון ניט־געבעטענע געסט

דו, וואָס וואַנדערסט, ווי אַ פויגל אָן אַ נעסט
און קאָנסט פאַר זיך קיין ווינקל ניט געפינען,
קענסטו די קרעטשמע פון ניט־געבעטענע געסט,
וואו די יאָרהונדערטן, ווי טראָפּנס שטילע רינען?

דאָרט זיצט דער בלינדער בעטלער פאַרן טיר
און וואַרט, און וואַרט, און שטאַרט אין טיפן שטומען.
גיי אים פאַרביי און גריס אים שטיל פון מיר
און זאָג, משיח איז נאָך ניט געקומען.

דאַן גיי אַריין, — דאָרט ליגט אַ בינטל שטרוי, —
און צי אויס דיינע מידע, שווערע גלידער.
ביינאַכט וועסטו פאַרנעמען אָן אַלטע שטים,
וואָס שטאַמלט דיינע שענסטע יוגנט־לידער.

גלויב מיר, איך האָב דאָרט לאַנגע טעג פאַרבראַכט
און לאַנגע נעכט געהערט דעם אַלטן שטאַמלען;
דאַן פלעגן אַרום מיר אין שוואַרצער נאַכט
די געסט די ניט־געבעטענע זיך זאַמלען.

זיי פלעגן מיך באַטראַכטן לאַנג און טיף
מיט גרויסע טרויער־אויגן אָן געדאַנקען,
ווי רייזנדע פון אַן אונטערגייענדיקער שיף,
ווי פריינד אַרום אַן אָפּגעזאָגטן קראַנקן.

עס איז געווען אַ שווייגן שווער געשפּאַנט,
אַן איינזאַמקייט אָ קוים צום איבערטראָגן,
און יענע אַלטע שטים אונטערן וואַנט,
וואָס האָט דעם שיר־השירים אויסגעזאָגט אין קלאָגן.

גלויב מיר, עס איז אַ לאַנגע שווערע שול.
דערפאַר איז איצט מיין איינזאַמקייט געהאַמערט,
ווי האַרטער שטאָל, — אַ פּאַנצער קעגן די,
וואָס האָבן מיך אין שינאה איינגעקלאַמערט,

וואָס ווילן מיך צעמאָלן אין אַ שטויב
און איינבויגן, דערנידערן מיין גלויבן.
גיי דאָרט און לערן זיך צו זיין אי בלינד, אי טויב
און גלייך נאָך יעדן בויג זיך ווידער שטאָלץ דערהויבן.

פּאַריז, 1938.

א לאנד נאָך קיין מאָל ניט געזען

און אָפטער דוכט זיך מיר,
איך האָב מיין וועג פאַרלאָרן:
ער ציט זיך אַזוי גלאַט
צווישן צייטיקן קאָרן,
קיין גרוב ניט פאַרן פוס,
קיין שטיין ניט פאַר די קני,
און לאָנקעס גרינען ווייט,
און סטאַדעס פעטע קי,
אַ מילדע מיטאָג־זון,
און הייזער ביי דער זייט,
און אָפן יעדע טיר
פאַר פרעמדע פון דער ווייט,
און שטיל ביי יעדער שוועל
דער בעל־הבית שטייט,
און ציט דיר אויס זיין האַנט
און האַלט דעם טיש דיר גרייט.
אַ וואונדערבאַרעס לאַנד,
נאָך קיינמאָל ניט געזען!
האָב איך פאַרבלאָנדזשעט וואו?

האָב איך מיין ציל פאַרזען?
צי איז דאָס בלויז אַ בילד
פון שטן אויסגעוועבט?
צי האָט מיין גלויבן שוין
אין גאָט זיך אויסגעוועפּט?
דאָס איז די מידיקייט,
וואָס וויגט מיך אַזוי איין,
וואָס האָט פאַרשיכורט מיך,
ווי אַלטער, שטאַרקער וויין.
דאָס איז דער צווייפל שוין,
וואָס בויגט מיר מיינע קני,
דער שווערער, לאַנגער גיין
און ניט־באַצאָלטע מי.
באַלד וועל איך אָט אַזוי
זיך לייגן שטיל ביים ברעג,
צוקאָפּנס בלויז אַ שטיין,
אַ דאָרן ביי די פיס,
און מיט אַ האַלבן בליק
דערזען מיין וויסטן וועג,
און קוקן ווי דער ווינט
פאַרוויט מיין לעצטן טראָט,
און אויסגיין אָט אַזוי.
דערבאַרעם זיך, מיין גאָט!

פּאַריז, 1938.

אין קיינעמס לאנד

פון זיין האַלב־צעשטערטער כאַטע
איז אַרויס אַ פויער
און האָט מיר שטיל דערלאַנגט
אַ קאַלטן וואַסער־טרונק.
איך האָב ביי אים אין בליק
דערזען אַ גרויען טרויער,
און אינעם טרויער האָט
געגליט אַ רויטער פונק.
דאָס איז געווען דער אָפּשיין
פון אַ ווייטער שרפה:
מיין היים האָט הינטער מיר
געברענט אין פלאַמען רויט,
און רונד אַרום די פלאַמען
געטאַנצט האָט די מגפה,
און אויף אַ פייפל האָט
איר צוגעפייפט דער טויט.

נאָר דאָ געווען איז שטיל,
גלייך ווי אויף אַ בית־עולם.
אָן אַרומגעשאָסענע סאָסנע
האָט טרויעריק געשטאַרט
מיט צווייגן נאַקעטע,

גלייך ווי אַ ריז אַ גולם,
וואָס טאַפּט אַרום דעם הימל
בלינד און איינגעשפּאַרט.

איך האָב געזאָגט: — אַ דאַנק,
— ניטאָ פּאַרוואָס, מיין ברודער, —
געענטפערט האָט דער פייער
און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.
— מיר שווימען אַלע גלייך,
ווי אַ שיפל אָן אַ רודער,
און זינקען אַלע גלייך
אין תהום דערנאָך אַראָפּ.

מיר טראָגן אַלע גלייך
די שולד פאַר יעדן איינעם,
און אַז עס קומט צו צאָלן,
צאָלט מען אַלע גלייך.
איצט גיי געטרייסט דיין וועג,
דאָס לאַנד געהערט דאָ קיינעם,
דער גרענעץ הויבט זיך אָן
דאָרט ווייטער מיטן טייך.

איך בין אַריין פאַרקלעמט
אין אָן אָפּגעברענטן וועלדל
און אויף דער האַרטער ערד
זיך אויסגעצויגן מיד.
די נאַכט האָט ווי אַ מאַמע
פאַרדעקט מיך מיט איר שלייער
און איינגעוויגט מיך
מיט אַן אַלטעס יוגנט־ליד.

פּאַריז, 1938.

א באלאדע פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט

האָט מיין שכן מיך פאַרטריבן
און זיך אין מיין הויז פאַרקליבן.

נע ונד, גלייך ווי דער ווינט,
גיי איך אום מיט ווייב און קינד.

פלוצלונג זע איך אויף די וועגן,
ווי מיין שכן קומט אַנטקעגן.

— היי, מיין שכן, זאָג מיר, ווער
האָט דיך אויך פאַריאָגט אַהער?

— גאָט זאָל זיך אויף מיר דערבאַרעמען,
ניט געקאָנט ביי דיר זיך וואַרעמען!

אַז איך האָב דיין הויז גענומען,
איז אַ פרעמדער אָנגעקומען

און מיך פון דיין הויז פאַרטריבן
און אַליין זיך דאָרט פאַרקליבן.

זעצן מיר זיך אויף אַ שטיין
און מיר טראַכטן, וואו צו גיין.

אויבן ליגט אַ גרויער הימל;
אונטן וועלקט אַ בלויעס בלימל;

זאַמדיק פּייכט ליגט ווייט דער שליאַך,
ניט קיין פאַרקאַן, ניט קיין דאַך.

פּלוצלונג, זע, עס קומט פון ווייטן
אונדזער פרעמדער ווילד צורייטן,

מיט אַ טוך דעם קאָפּ פאַרבונדן
און דאָס בלוט טריפט פון די וואונדן.

— היי, דו פרעמדער, אויפן פערד,
ווער האָט דיך אַהער באַשערט?

— גאָט זאָל זיך אויף מיר דערבאַרעמען,
ניט געקאָנט זיך דאָרט דערוואַרעמען!

ביי די לעצטע אָוונט־שטראַלן
זיינען רויבער מיך באַפאַלן,

הויז און שייער — אַלץ פאַרברענט,
קוים זיך ראַטעווען געקענט.

האָבן מיר זיך אויפגעהויבן,
אָן אַ גאָט און אָן אַ גלויבן,
און זיך אין דער ווייט געלאָזן,
גלייך ווי שפּריי פון ווינט געבלאָזן,
קעגן ווינטער, שניי און קעלט,
דורך אַן אויסגערויבטער וועלט.

פּאַריז, 1938.

אן אָרעמאנס געוויין

וואָס בלייבט מיר מער, ווי אַן אָרעמאַנס געוויין,
נאָך דעם ווי איך האָב אויסגעשפרייט
צום הימל מיינע הענט,
און פון מיין אייגן טרער
און פון דער זון פאַרבלענדט,
צוריק אַראָפּגעלאָזט מיין קאָפּ פאַרשעמט.

וואָס בלייבט מיר מער, ווי זוכן מיינס אַ גלייכן, —
אַ מענטש, ווי איך, וואָס וואזינט ניט אויף די שטערן,
וואָס בלענדט ניט אַזוי שטאָלץ,
וואָס איז ניט ווייט פאַרבאָרגן,
וואָס טראָגט, ווי איך, די פּיין,
דעם עלנט און די זאָרגן,
געבויגן גלייך, ווי איך,
און גלייך, ווי איך, פאַרווייטיקט,
וואָס נייטיקט זיך אין מיר,
ווי איך אין אים זיך נייטיק.
אָ, גאָט, איך האָב גערופן דיך
פון אַלע מיינע טיפן,
פון שטורעם אויס, וואָס האָט
דערטרונקען מיינע שיפן.
איך האָב גערופן דיך
פון אַלע וויסטע ברעגן,

איך האָב דיך אומגעזוכט
אויף אַלע ווייטע וועגן
און ניט געפונען דיך,
קיין ענטפער ניט באַקומען.
עס האָבן מיך פאַרטויבט
פון דיינע וואַסערן דאָס ברומען;
דיין שטילקייט האָט
מיין וויי־געשריי פאַרשלונגען,
אין דיינע ווייטקייטן
איז מיין געבעט פאַרקלונגען.
און אויב עס האָט מיך עמעצער געהערט,
איז דאָס געוועזן אַ מענטשנס אויער בלויז;
און אויב עס האָט אַן ענטפער מיך דערגרייכט,
דאַן איז דאָס פון אַ מענטשנס מויל אַרויס;
און אויב אַ האַנט האָט אויסגעשטרעקט זיך ווען,
איז דאָס אַ האַנט אַ מענטשלעכע געוועזן;
און אויב איך האָב אַ שטראַל פון טרייסט דערזען,
דאַן איז דאָס פון אַ מענטשנס אויג געוועזן.

פּאַריז, 1938.

אויף די פעלדער פו רוסלאנד

איצט ליגן זיי טויט
אויף די פאַרשנייטע פעלדער, —
אַ גאַנצער דור — פאַרשאָלטענע פון גאָט.
און ס׳איז נישטאָ אויף אונדזער אָרעמען שטערן
קיין אויג, וואָס זאָל אויף זיי פאַרגיסן טרערן,
און כאָטש איין פונק זיי שענקען פון גענאָד.
זיי האָבן ניט קיין טאַטן און קיין מאַמען,
ווי אַלע מענטשן־קינדער איז באַשערט,
וואָס לאָזן איבער אין דעם קינדס נשמה
אַ שפּור פון ליבע, אַ ציטער פון רחמנות.
ניין, זיי זיינען בלויז רציחה און נקמה,
אַ טיגער־דור מיט הערצער האַרט, ווי שטיין.
אַ שאָד דער שניי, וואָס שימערט ווייס און ריין
דאָרט אויף די ווייטע שטילע רוסישע פליינען,
וואָס ווערט פאַרשוועכט מיט זייער דייטשיש בלוט.

זיי האָבן ניט קיין כלות און געליבטע,
ווי אַלע מענטשן־קינדער איז געשענקט,
וואָס מאַכט דעם יונגן בליק פאַרחלומט און פאַרבענקט.
ניין, בשעת זיי זיינען אינעם קריג אַוועק,

האָט זיך קיין פּרויען־האַרץ ניט אויפגעדריקט פון שרעק.
ווי רויבער, וועלכע וואַרפן זיך צו מאָרד און שאַנד,
געלאָזן האָבן זיי בלויז הורן אינעם לאַנד.
אַ שאָד די ווייסע איינזאַמע בעריאָזקע,
וואָס בויגט זיך אויף אַ דייטשן גוסס דאָרט
און הערט זיין לעסטערנדיקן, לעצטן, מיאוסן וואָרט.

אָ, דייטשלאַנד דו, די וועלט וועט ניט פאַרגעסן,
וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן די מענטשהייט אויף דער ערד.
האָסט אַלץ צעשטערט, וואָס הייליק איז און טייער,
פאַרפלייצט די וועלט מיט טרערן, בלוט און פייער,
האָס און מאָרד, רציחה און פאַרראַט.
דיך פאַרשילט דער פויגל אויפן צווייג,
פון בוים איעדעס בלאַט,
די גראָזן אויף די פעלדער,
די חיות אין די וועלדער.
אַחוץ דעם אויסוואורף, וועלכער גייט אין דיינע טריט,
איז ניטאָ קיין זאַך, וואָס קריכט, וואָס גייט, וואָס פליט
אויף אונדזער אָרעמען, פאַרפייניקטן פּלאַנעט,
וואָס זאָל ניט אויסשרייען דיין שטראָף אין זיין געבעט!
אָ, ווי ס׳וויינט מיין האַרץ אויף יעדן רוסיש קינד,
וואָס שטייט אין קאַמף מיט דיר, פאַרשאָלטענער שטאַם,
אין פייער־פלאַם, אין שטורעם און אין ווינט,
און קויפט אויס מיט זיין בלוט,
מיט זיין יונגן בלוט,
די אייגענע און אַלעמענס זינד.

ניו־יאָרק, 1942

דייטשישער פרילינג...

אויסגעברענטע ערד אין פרילינג בלוי און מילד,
אויסגעברענטע ערד אין פלאַמען איינגעהילט,
ניט ציען וועט דורך דיר דער אַקער זיינע פּאַסן,
ניט בענטשן וועט דער פּויער דעם נייעם שניט פון יאָר, —
אָנשטאָט די גאָלדענע קערנער אין באָדן דיינס דעם נאַסן
פאַרזינקען וועט אויף אייביק אַ גאַנצער יונגער דור.

ניט פאַלן וועט אויף דיר דער ראָזער טוי פון מאָרגן,
ניט אויפגיין וועט אויף דיר דער יונגער גרינער קאָרן, —
צווישן ווילדן גראָז און שטעכעדיקן דאָרן
מיליאָנען פרישע קברים באַשיידן און פאַרבאָרגן
דערציילן וועלן שטיל פון יונג פאַרשניטענע יאָרן.

אָ, פלאַכעס, לאַנד, וואו ס'איז מיין וויג געשטאַנען,
פאַרוויגט אין רויש פון הויכע שלאַנקע טאַנען,
וואו ס'האָט דער ווייטער, בלייכער האָריזאָנט
אַזוי פאַרבענקט געצויגן און געמאָנט!
ווייס־רוסיש לאַנד, מיט דיינע אָרעמע כאַטעס,
מיט סטעזשקעס אויסגעטראָטענע פון שטילע טריט,
די פּויערן אין לאַפּצעס און אין שמאַטעס,
וואָס האָבן אַזוי טריי דיין אָרעם ערד געהיט!

די שטעטלעך דאָרט די יידישע, די קליינע,
מיט דעכער שטרויענע געבויגן צו דער ערד,

וואו ס׳האָט אַן אַלטעס כּאַלק מיט אויגן רײנע
אין הימל גאָט געזען און זײַנע רייד געהערט,
און עסנדיק דעם ראָזעווען ברויט דעם שוואַרצן,
און טרינקענדיק דעם זויערן דייזשע־קוואַס,
געבענטשט דאָס לאַנד און שפּײַז מיט דאַנקבאַרקייט אין האַרצן
אָן קנאה צו דער וועלט און אָן אַ טראָפּן האַס;
און וועבנדיק זײַן אַלטן גרויסן חלום,
דריי מאָל אַ טאָג געבעטן גאָט פאַר שלום.

געזנג... געזנג... פאַרגאַנגענע זכרונות...
עס שטיקט אין האַלדז... פאַרטונקלט ווערט מײַן בליק...
עס ציען זיך אומענדלעך די ארונות,
אויף אַלע ביימער הענגען תליה־שטריק —
אַ דייטשישער פרילינג איז אַהין געקומען,
אַ דייטשישער פרילינג אויף מײַן אָרעם לאַנד,
און האָט פאַרשניטן אַלע מײַנע בלומען
און זײַנע הימלען צוגעדעקט מיט שאַנד.

וואו זייט איר, מײַנע ליבע און געטרײַע? —
צווישן זיבן וועלף די שטילע שאָף.
ווער פירט אײַך צו דער אייגענער לוויה? —
איר, וואָס טראָגט פאַר אַלעמען די שטראָף.

אַ דייטשישער פרילינג איז אויף מײַן לאַנד געקומען...
דער אײַזערנער גולם מיט די שטאָלענע הענט, —
דער דייטשישער גולם אָן האַרץ און אָן געפילן,
ווי אַ מאַשין געיאָגט פון פרעמדן ווילן,
צעשטערט ער אַלץ, דערהרגעט און פאַרברענט.

אָ, גאָט, גיס אויס אויף אים דײַן פלאַמען־צאָרן!
הויב אויף אויף אים דײַן שווערן ריכטער־אָרעם!
זאָל זײַן פון אים, וואָס ס׳איז פון אונדז געוואָרן —
אַ לאַנד פון חורבות און נאָמענלאָזע קברים,
אַן אויסגעברענטעס לאַנד פון אייגענע הענט פאַרברענט,
פון אַלעמען געמיטן, פון קיינעם ניט דערקענט!

דער טויטער שיפער

די טרערן זיינען אַלע אויסגעוויינט געוואָרן
און אָפּגעשווענקט די שרעקן פון זכרון,
געבליבן בלויז איז טרויער גרויער, טיפער
וואָס וויגט ווי כוואַליעס אום אַ טויטן שיפער.

די שיף, זי ליגט אין אָפּגרונד לאַנג פאַרזונקען
און טיף מיט איר ניט איין געליבטער ברודער,
אָ, דאַן ווען אַלע שטערן האָבן איר געוואונקען,
איז שוין דער טויט געשטאַנען ביי איר רודער.

אומזיסט די נייע פאָנען אויפגעהאַנגען,
אומזיסט די נייע זעגל אויפגעצויגן,
אומזיסט דעם אַלטן גוטן פּאָרט פאַרלאָזן,
אין פרעמדע וויטן אויסגעקוקט די אויגן.

נאָר וואָס געווען דאָס איז דאָך שוין פאַרפאַלן, —
די כוואַליעס גייען און די כוואַליעס קומען,
די אויפגעשוימטע קאָמען אין לבנה־שטראַלן,
זיי בלייכן גלייך ווי גרויסע ווייסע בלומען.

אָ, וויג מיך טרויער, וויג, ווי אין אַ ווייכן אָרעם,
דו ביסט דאָך שוין ביים וויגל מיינס געשטאַנען,
האָסט מיר מיט גרויען חן פאַרצירט מיין יוגנט,
ווען איך האָב דיר נאָך ניט געגוג פאַרשטאַנען

דאַן האָסטו מיך געפירט אין פּוסטע שולן
דעם לעצטן זיפץ צו הערן פון בעל־תפילה,
צו זען דעם לעצטן יידן דאָרט פאַרשווינדן
אין נעפּל פון אַ תשרי נאַכט אַ שטילע.

איך בין מיט דיר געגאַנגען ווי פאַרכישופט,
לעם מיר די שכינה איינגעהילט אין שוואַרצן,
דורך פּוסטע גאַסן וויסט פאַרלאָזטע הייזער,
מיט אַ געוויין אַ ביטערן אין האַרצן.

עס איז געווען אַ פאַרגעפיל אַ שטומער,
גלייך ווי די ערשטע געלע בלאַט סוף זומער
וואָס גליטשט זיך אומבאַמערקט דורך גרינע צווייגן
און פילט דעם וואַלד אַן מיט געשפּאַנטן שווייגן.

איצט זיינען לידיק דאָרטן אַלע שולן, —
אַ היים פאַר פלעדערמייז און אַלטע סאָוועס,
בית עלמנס איינזאַמע וואו קיינער וועט ניט
קומען מער אַהין אויף קבר אָבות.

אָ וויג מיך טרויער וויג אויף ווייכע כוואַליעס
און זאָלן זיי מיך אָט אַזוי פאַרטראָגן
צום אינדזל, וואו דער נביא ירמיהו
זיצט אייביק איינזאַם און גיסט אויס זיין קלאָגן.

דאָרט לאָז מיר, ליגן אויפן ברעג דעם וויסטן
צווישן פעלדזן נאַקעטע און הערן
דעם אייביקן געוויין פון גרויסן חורבן
אונטער אַ הימל גרוי און פּוסט אָן שטערן.

ניו־יאָרק, 1944

א יידישער ניגון

סטרונעס געשפּאַנטע,
ווי שטריק אויף אַ בויגן,
פון הענט אומבאַקאַנטע
צום פּלאַצן געצויגן;
נאָר שטום אָן אַ ציטער,
ווי פּאַר אַ געוויטער,
ווי טרוקענער טרויער
וואָס ברענט אין די אויגן.

ס׳איז נישט צו פאַרטראָגן
דאָס שרעקלעכע שווייגן,
דעם צער ניט צו זאָגן,
די וואונד ניט צו צייגן.
ווי האַרפּעס וואָס הענגען
פאַרשטומט אויף די צווייגן,
ווען ס׳ברעכט אין די פינגער
דערוואָרגענער קלאָגן.

דאָך זיינען דאָ שעהן,
ווען ס׳שלאָפן די ימען

און ס׳פּליסן פון בלויען
קוים הערבאַרע גאַמען.
דאַן קומט פון די סטרונעס
אַן עכאָ אַנטקעגן
וואָס שוועבט, ווי אַ בעטן,
וואָס קלינגט, ווי אַ פרעגן.

דאַן ווערט דאָס, ווי לייכטער,
דער טרויער ווערט פייכטער
און פאַלט אויפן האַרצן,
ווי טוי אויף אַ מדבר.
דאַן נעמט זיך אַ טרייסט,
ווי אַ בענקעניש וויגן
און ס׳באָדט זיך אין טרערן
אַ יידישער ניגון.

מיין פאָלק

וואַרטסט אויף דיין אויסלייזער צוואַנציק יאָרהונדערטן,
שטייט זי, די וועלט, מיט אַ בליק אַ פאַרוואונדערטן
און קאָן ניט פאַרשטיין
דיין איינזאַמען גיין
און דיין וועג פון דער וועלט אָפּגעזונדערטן.

שטורעמסט אין צוקונפט און בלייבסט אין פאַרגאַנגענעם,
שקלאַף אין דער פרייהייט און פריי אין געפאַנגענעם,
אַ זעער אין ווייט
און בלינד פאַר דער צייט,
מיט אַ שיקזאַל — אַ סוד אַ פאַרגאַנגענעם.

קענסט זיך דערהויבן צו הויכן אומענדלעכע
און נידערן פלוצלונג אין אָפּגרונטן שענדלעכע,
אַרויף און צוריק,
אין פיין און אין גליק,
פון כוחות געפירט אומפאַרשטענדלעכע.
לעבסט מיט דער רגע און קוקסט אין דער אייביקייט,
קעמפסט מיט דיין גאָט און דו שטאַרבסט אין זיין גלויביקייט,
פירסט אָן די וועלט
און בלייבסט אייביק פאַרשטעלט
מיט אַ וואָלקן פון טונקעלער שטויביקייט.

זכער פון פרידן און ערשטער צו שלאָגן זיך,
גלויבסט אין דער צוקונפט, אין שטענדיקן פלאָגן זיך;
הערסט מיט אַ פרייד,
ווי דער אויסלייזער גייט,
און דו האָפסט אין אַ ביטערן קלאָגן זיך.

אַ, ווי עס שרייט מיר דיין בלוט אין די אָדערן:
הונדערטער דורות, וואָס מאָנען און פאָדערן,
געהייליקט אין גאָט
אויף אַ וועלט־עשאַפאָט
אין מיטן פון פלאַמען, וואָס לאָדערן.

נייך, ניט פאַרבייטן וועל איך אויף איין אַנדערן,
פאָלק מיינס, דיין גורל, און מעג איך נאָך וואַנדערן
טויזנטער יאָר
צווישן חלום און וואָר,
געיאָגט פון איין לאַנד צו אַן אַנדערן.



***

בלויז דערפֿאַר, אָ גאָט, וואָס דו האָסט מיך געמאַכט
און אַ פֿונק פֿון דײַן באַוואוסטזײַן מיר געגעבן
איך זאָל די שטערן דײַנע ציילן אין דער נאַכט,
ווען זיי נעמען זיך אין די בלויע ווײַטן צינדן,
דאַן איז שוין ווערט דאָס קורצע שטיקל לעבן,
ווי שנעל עס זאָלן מײַנע טעג ניט שווינדן.
אָ גאָט, איך ווייס דײַן ליכט קאָן מאַכן זען אַ בלינדן,
ווען דו צינדסט אָן זײַן גייסט אין העלע פֿלאַמען,
דאַן זעט ער ווײַט צוריק דעם ערשטן מאָרגן
און אַלע דײַנע וואונדער וואָס דו האַלסט פֿאַרבאָרגען.
דעם שווערן גאַנג דורך דעם לאַנגען טונקעלן וועג
וואָס פֿירט די דורות צו דער ענדע פֿון די טעג.

אָ גאָט, איך ווייס עס ווערט גאָרניט אין דײַן וועלט פֿאַרלאָרן,
ווי די פֿאַרגאַנגענהייט וואָס לעבט נאָך אין זכרון
דורך דורות לאַנג און ווערט צוריק געבוירן,
גלײַך ווי דער שטערן שטראַל וואָס פֿליט מיליאָנען יאָרן
ביז ער דערגרייכט מײַן בליק,
ווי אַ חלום פֿון אַ ווײַטן גליק.

אָ גאָט, איך ווייס דו ביסט מיט מיר,
דו ביסט מיט מיר, ווען איך טראַכט פֿון דיר,
דו ביסט מיט מיר אפֿילו דאַן,
ווען איך פֿאַרלייקן דיך.

אינהאַלט

	זייט
דער גמרא־ניגון	7
נעילה	13
* * *	15
מיר ווען פאַרבלייבן אין שול	16
געשטאָרבן דער לעצטער בעל־תפילה	18
וואו זאָל איך בעטן?	19
אַ תפילה	20
ירושלים של מעלה	21
משיח	24
וידוי	25
כ'האָב געהאַט אַ גאָט	27
אויס דעם טיפן ברונעם	28
צוריק צו דיינע וועגן	29
ס'איז דאָ אַ שעה	30
מיין לאַנדשאַפט	35
דאָס לעצטע געבעט	37
כנסת ישראל	39
אין שטורעם	41
מוזיק	44
הימן	45
בטחון	46
הענט	47
דאָס געבעט פונעם שטילן	51
מיין טרויער	52
פרידן	54
פאַרגיב זיי יאָ, פאַרגיב זיי ניט	56
זינג, דו	58
דריי אויפן ראָג	60
דאָס ליד פון מענטשן	62
שלאָפלאָזע נעכט	64
מיין נשמה געהערט	69
פאַרוואָגלט	72
ליטע	75
די בעריאָזקע	76
אין אַ לבנה־נאַכט	77
עמעץ האָט זיך פאַרבענקט	78
פאַרנאַכט	79

זייט

נאַכט ... 80
דאָס איז שוין לאַנג, מיין קינד געוועזן, לאַנג ... 81
שטערן פאַלן ... 82
ווייסע נעכט ... 83
אין וואַלד ... 84
שטילע טריט אין וויכן מאָך ... 86
פרילינג ... 87
די סאַזשעלקע ... 88
האַרבסט־שטימונג ... 89
אַ ליכטיקער האַרבסט־טאָג ... 91
דער ערשטער שניי ... 93
פאַרזונקענער טאָג ... 94
זכרונות ... 97
פון יידישן געסל ... 99
יוגנט ... 100
אידיליע ... 101
תשעה־באָב ... 103
וויג־ליד ... 104
אַ רגע רו ... 106
לעגענדע ... 108
* * * ... 109
עלילת דם ... 111
דריי רויטע ליליעס ... 118
די אַנטלאָפענע כלה ... 121
קיניגין מרים ... 125
צו באַדעקנס ... 127
דער בלאַסער בת־מלכה ... 131
פאָרגעפיל ... 132
אָ, זיי, מיין געליבטע, אַ צאַרטע לעגענדע ... 133
דערוואַרטונג ... 134
איך ווייס ... 135
לעצטע גריסן ... 136
אין וועג ... 137
אַ חלום ... 138
דו ביסט אַוועק ... 139
וואַנדער־טרוימען ... 140
געוועזן און פאַרגאַנגען ... 141
פון שוואַרצע נעכט אַ טרויער־צוג ... 142
איצט וויל איך נאָך מיין לעצטעס ליד דערזינגען ... 143

זייט

די פרוי מיט פאַרשלייערטע אויגן 144
ווען דו וועסט אַוועקגיין 145
איך בייט די וואוינונגען 146
ווידמונג 147
דאָס בלוט פון קדושים 149
ווייסע פרילינגס־בליטן 150
אויף די שטילע וועגן 151
ממעקים 152
אַ חופּה־ליד 154
חרטה 156
נאָך אַמאָל פּיל אָן דיין כּוס 157
דערינערונגען 158
דורך אַלע נעפּלען 160
גלויבן 161
הימלאָזע 162
אַקאָרד 163
צו אַ יידישער טאָכטער (סאָנעט) 164
און גרויס איז דער מדבר 167
צוקונפט 168
אין דער פרעמד 169
וואָס בין איך דען? 170
אָפּגעזעגנט 172
אָוונטן 174
טעג און נעכט 176
נאָקטיורן 177
און אַלע זיינען זיי אַוועק 179
צו וולאַדעקס טויט 180
איינזאַם 182
ווער ציט מיר דען זיין אָרעם אויס 183
עכאָ 185
איינגעהילט אין מיין קלייד 186
עס ווערן געבוירן חלומות 188
דערוואָרגענע פאַרלאַנגען 189
דער זייגער פון דער געשיכטע 192
אויפן שיף 194
טשאַרלסטאָן 197
אין דער נאַכט פון ניי־יאָר 200
אויף אַ דאַך־שטיבל 203

זייט

באוואוסטזיין 204
* * * 209
אַ צער פון טויזנט דורות 210
פאַראויס איז גאָר נישטאָ 211
פאַר דיינע אַלטע חורבות 212
שבת חזון 213
* * * 214
פאַר אַ מאָנאַסטיר 215
צווישן די זאַנגען 216
סיקאַריער בלוט 218
וויאָלעט 220
גייסטער אין פאַרמעט 221
אָונט גאַנג 222
בלינדע מיט אָפענע אויגן 223
יאוש 224
אין שענק 225
פאַרצווייפלונג 227
כל נדרי 229
יידיש 230
לאָזט אונדז וויינען 232
פאַרשוועכטער שוויגן 233
דאָס פוסטע וויגעלע 234
גלאַט אַזוי 236
אב הרחמים 237
תשעה באָב 1941 241
שבת חזון 1942 243
ווי וויל איך עפענען מיין האַרץ 245
די קרעטשמע פון ניט געבעטענע געסט 248
אַ לאַנד נאָך קיינמאָל ניט געזען 250
אין קיינעמס לאַנד 252
אַ באַלאַדע פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט 254
אַן אָרעמאַנס געוויין 256
אויף די פעלדער פון רוסלאַנד 258
דייטשער פרילינג 260
דער טויטער שיפער 262
אַ יידישער ניגון 264
מיין פאָלק 266
* * * 268